YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i33

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 33
August 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 33)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/225

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווירקערס יוניאן

Vol. V. No. 33. | New York, Friday, August 17, 1923 | פרייטאג, 17טען אויגוסט, 1923 | PRICE 3 CENTS

די קאנפערענצן צווישען דער יוניאן, דזשאבערס און סאב־מאנופעקטשורערס געהען נאך אן

קיין סטאפעדוש, ווי די סאב־מאנופעקטשורערס האבען עס געפלאנעוועט, וועט שוין ניט זיין. ווייל, ערשטענס, וויל עס ניט די אינטערנעשאנאל. פרעזידענט זיגמאן האט אויפגעלייגט זיין וועטא אויף דעם דאזיגען פלאן, וואס וואלט זיכער אריינגעווארפען די קלאוק אינדוסטריע אין אן ערגערען כאאס, ווי עס איז; צווייטענס, גיבען די דזשאבערס אליין צו, אז זיי זיינען ניט אונשולדיג, אז די סאב־מאנופעקטשורערס זיינען גערעכט מיט זייערע טענות. היינט, ווי באלד די דזשאבערס אליין גיבען צו, אז זיי זיינען שולדיג, איז דאך שוין דא, און עס מוז שוין זיין א וועג, וואס זאל פיהרען צו אן אויסגלייך.

און אום דאס אויספיהרען, האט די אינטערנעשאנאל אוועקגעשטעלט פאר דערוויילע פאלגענדע באדינגונגען:

נומער איינס: יעדער דזשאבער באזונדער מוז רעדזשיסטרירען מיט דער יוניאן די סאב־מאנופעקטשורערס, וואס מאכען זיינע ארדערס. דאס אליין וועט אוועקנעהמען דעם נסיון ביז צו א היבשען גראד, ביי דעם דזשאבער, צו מאכען זיין ארבייט אין ערגעץ א סקעב־שאפ, וואו ער קען עס קריגען אביסעל ביליגער.

נומער צוויי: אין פאל א דזשאבער זאל דאך געשטראכעלט ווערען, און מען זאל איהם כאפען ביי דער האנד, מוז די גאנצע ארבייט, וואס ער האט אוועקגעגעבען אין אזא סקעב־שאפ, גלייך צוגענומען ווערען, ניט אכטענדיג, ווי וויים די ארבייט איז שוין געמאכט געווארען, און די ארבייט מוז איבערגעגעבען ווערען צו איינעם פון די רעדזשיסטרירטע סאב־מאנופעקטשורערס, וועלכער קריגט באצאהלט פאר דעם גאנצען דזשאב.

נומער דריי: יעדער דזשאבער, וואס זאל פארברעכען געגען די איינגעשטימטע רולס, מוז ווערען באשטראפט אויף שטארק, אז ער זאל ניט נאר ניט פראפיטירען פון זיין עבירה, נאר ליידען באמת א שטארקען פארלוסט.

נומער פיער לויטעט, אז די יוניאן זאל האבען דאס פולע רעכט פון א שטענדיגען קאנטראל איבער די ביכער פון די דזשאבערס.

נומער פינף פארלאנגט די עטאבלירונג פון א מאשינערי, דורך וועלכער די

(שלוס אויף זייט 16.)

די באטראב מייקערס פערטיג פאר דעם גענעראל סטרייק

ניט נאר זיינען די באטראב־מייקערס פערטיג, נאר אין א געוויסען טאג די קומענדע וואך וועלען זיי אויך דורכפיהרען זייער באשלוס. די באטראב־ארבייטער ברענגען פשוט פון אונגעדולד, און ווארטען שוין אויף דעם סיגנאל, ווען די יוניאן וועט זיי רופען צום סטרייק.

עס איז ווירקליך א וועלטענע און א זעהר ערפרעהענדער פאקט, ווי די באטראב ארבייטער האבען זיך אפגערופען אויף דעם רוף פון דער יוניאן צו פארבעסערען זייער קלעגליכע לאגע אין די שעפער. אין די הונדערטע זיינען געקומען די באטראב ארבייטער אין אפיס פון דער יוניאן, אום צו ווערען יוניאן מעמבערס, און אזוי איז אין דעם משך פון איינציגע וואכען ארגאניזירט געווארען א מעכטיגע ארמיי, וועלכע איז באריים צו קעמפען פאר איהרע רעכטע.

דעם דאנערשטאג איז אפגעהאלטען געווארען א גרויסער מאס־מיטינג אין ארלינגטאן האל. אויף דעם מיטינג זיינען אנגענומען געווארען פאלגענדע פארדערונגען, וואס וועלען געשטעלט ווערען צו די באטראב־מאנופעקטשורערס:

1. אלע שעפער מוזען זיין יוניאן־שעפער, וואו נאר ארבייטער פון דער יוניאן קענען ווערען באשעפטיגט.
2. די עטאבלירונג פון א 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך.
3. אלע וואך־ארבייטער מוזען קריגען א וויידזש־העכערונג פון ניט וויינגער, ווי 3 דאלאר.
4. אלע שטיק־ארבייטער מוזען קריגען א העכערונג פון 15 פראצענט.
5. אין קיין שאפ טאר ניט זיין

(שלוס אויף זייט 16.)

א שטארקער ארגאניזיישאן קאמפיין פון עמברוידערי ארבייטער אין ניו דזשורזי

אזוי שנעל, ווי עס איז באקאנט געווארען, וואס פאר א שווידערליכע עקספלואטאציע און סוועטעריי עס געהט אן אין ניו דזשורזי, אזוי שנעל איז אונזער סטאף פון דעם איסטערן דעפארטמענט, אונטער דער פיהרערשאפט פון וויים־פרעזידענט דזש. האלפערן, געווען אם פלאץ, און שוין געהט דארט אן א פלאקערדיגער ארגאניזיישאן קאמפיין. אונזער אינטערנעשאנאל האט געעפענט אן אפיס אין יוניאן היל, ניו דזשורזי, האט אנגעשטעלט צוויי ארגאניזערס, מיסס סאלצנער און מר. ריער, און עס זיינען דא אלע סמנים, אז גאר אין גיכען וועלען מיר דארט האבען א שטארקע יוניאן פון עמבראידערי ארבייטער, וועלכע, אנשטאט צו קאנקורירען מיט די עמברוידערי ארבייטער פון לאקאל 6 אין ניו יארק, ארבייטענדיג פאר א פאר עלענדע סענטען, וועלען פאר זיי זיין די שטארקסטע הילף.

ווארים, ווי וויים־פרעזידענט האלפערן גיט אונז איבער, זיינען די דארטיגע אויסגעסוועטעטע ארבייטער שטארק געניינט זיך אנצושליסען אן דער יוניאן, ווערען א מאכט, און אנהייבען לעבען א מעהר אנשטענדיגען לעבען. זייט דער אפיס פון דער יוניאן האט זיך געעפענט, געהט ניט פארביי א טאג, אז ארבייטער זאלען ניט קומען פרייוויליג, איסדריקענדיג א וואונש צו ווערען יוניאן ארבייטער.

נאטירליך זייגען דאס בלויז די ערשטע שוואלבען, אבער זיי זאגען אן, אז דער פריהלינג, די ערוואכונג קומט אויך פאר די עלענדע שקלאפען אין ניו דזשורזי. מיר ווינשען זיי גליק און ערפאלג. געוויס וועט אונזער אינטערנעשאנאל טאן דאס מעגליכסטע, אז עס זאל אפגעמעקט ווערען דער שאנד־פלעק פון סוועטעריי אין אונזערע טריידס אין ניו דזשורזי.

עלעקשאן פון באאמטע אין דער ווהייט גודס ווארקערס יוניאן

אין לאקאל 62 קומען איצט פאר עלעקשאנס פאר אלע באאמטע, באצאלטע און נישט באצאלטע. דיזע עלעקשאנס זיינען פון גרויסער וויכטיגקייט, כאטש שוין צוליב דעם אליין, וואס עס איז שוין מעהר ווי צוויי יאהר ווי קיינע עלעקשאנס זיינען אין דיזען לאקאל געמאכט געווארען. פאר די צוויי יאהר האט אימער געהערשט א ביטערע סלעק אין דער אינדוסטרי און די יוניאן איז געווען פארנומען מיט פילע אנדערע פראגען, אזוי אז קיין עלעקשאנס האט פשוט קיין זין ניט געהאט. ווען די צייט האט זיך לעצטען ווינטער עטוואס געבעסערט, האט מען געדארפט זיך פארבארייטען און דורכפירען א גענעראל סטרייק און דאן האט מען ווידער ניט געקענט זיך אפגעבען מיט קיין עלעקשאנס. איצט איז ענדליך געקומען די צייט דערפאר.

א ספעשעל מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד האט אנגענומען א באשלוס צו ערוויילען א מענעדזשער, א ביזנעס אייגדזשענט, א פינאנס סעקרעטאר און 21 עקזעקוטיוו באארד מעמבערס, און ביי א ספעשעל מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 7טען דיזען מאנאט, זיינען פארגעקומען די נאמינייטשאנס פאר אלע אפיסערס. עס איז אויך ערוועהלט געווארען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע, וועלכע וועלען דארפען די עלעקשאנס דורכפירען.

די לייבאר דעי וואך־ענד אין ארליווא, פא.

די פילאדעלפיער יוניטי־הויז קאמיטע פון דער וויסט־מאכער יוניאן, לאקאל 15, לאזט וויסען די מעמבערס, אז זיי קענען זיך שוין רעדזשיסטרירען פאר די וואך־ענד פון לייבאר־דעי: דאס מיינט שבת, זונטאג און מאנטאג, פאר דער יוניטי הויז אין ארווילא, פא. דער וואקיישאן סיזאן ענדיגט זיך אפיציעל לייבאר־דעי און מיט דעם ענדיגט זיך אויך דער סיזאן אין יוניטי הויז.

ווי אלע יאהר, גרייט די יוניטי הויז קאמיטע צו א גרויסארטיגען קאנצערט און טאנץ צום שלוס פון סיזאן.

מעמבערס, וועלכע ווילען ארויסקומען אין דער יוניטי הויז פאר די לייבאר־דעי וואך־ענד מיט זייערע פריינד וואס זיינען ניט מעמבערס פון דער יוניאן, קענען דאס טאן — זיי מוזען אבער זיך צושטעלען מיט דער רעדזשיסטריישאן כדי עס זאל זיין גענוג פלאץ.

אלע אינפארמיישאן וועגען פרייז וועט מען קריגען אין אפיס פון דער יוניאן, 1018 טשערי סט., ביים רעדזשיסטרירען זיך.

מיט גרוס,
די יוניטי־הויז קאמיטע, ארוויקא, פא.
בעסי נארען, מענעדזשער,
אב. בקומפיעלד, סעק.

אויב איהר פאהרט אין יוניטי הויז, מוזט איהר זיך רעדזשיסטרירען

פאלגענדע ערקלערונג מאכט די קאמיטע, וועלכע פארוואלטעט די ארבייטער יוניטי־הויז.

„מיר ווארענען אלע אונזערע פריינד, וואס ווילען פארען אין דער יוניטי הויז, אין פארעסט פארק, פא., צו פארברייננגען דארט זייער וואקיישאן, אדער אפילו די יעניגע, וואס ווילען פארען אהין בלויז אויף א פאר טעג, אז זיי זאלען זיך רעדזשיסטרירען אין אונזער ניו יארקער אפיס, 16 וועסט 21טע סטריט, איידער זיי פארען אהין.

די יוניטי הויז האט פלאץ פאר ניט מעהר ווי 500 מענשען און אום צו רעגולירען די צאל פון די באזוכער האלטען מיר אן א רעדזשיסטריישאן ביורא אין ניו יארק, און די ביורא נעמט אן בלויז אזוי פיל רעדזשיסטריישאנס פאר וויפיל עס איז דא פלאץ אין דער יוניטי הויז יעדע וואך.

פאר די יעניגע וואס קומען אין דער יוניטי הויז ניט רעדזשיסטרירט איז דארט קיין פלאץ ניטא, און זיי קאנען דארט ניט אויפגענומען ווערען. דערצו פארשאפט דאס פיל אומאנגענעמליכקייטען דעם מענעדזשמענט אזוי גוט ווי די באזוכער. דארום אויב איהר ווילט פארשפארען דעם מענעדזשמענט די אונאנגענעמליכקייט פון אפזאגען אייך די פריווילעגיע פון פארבלייבען אין דער יוניטי הויז און אליין ניט ריזיקירען מיט אייערע רייזע קאסטען, מוזט איהר זיך רעדזשיסטרירען אין ניו יארק, איידער איהר פארט אין יוניטי הויז.

מיר ווילען דערביי אויך באמערקען, אז די פריווילעגיע פון באזוכען די יוניטי הויז בלויז אויף א פאר טעג אין דער וואך פון „לייבאר דעי" ווערט געגעבען בלויז צו מעמבערס פון די דרעס און וויסטמאכער לאקאלען.

מיר ווילען אויך באקאנט מאכען, אז די יוניטי הויז וועט בלייבען אפען ביז זונטאג, דעם 16טען סעפטעמבער, און די יעניגע, וואס ווילען פארברייננגען אין יוניטי הויז ראש השנה וועלען האבען איצט די געלעגענהייט דאס צו טאן. זיי מוזען זיך אבער רעדזשיסטרירען באצייטענס.

די יוניטי הויז קאמיטע.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 33.

זייט 2. די וואך — מ. ד. רעניש. ווהייט גודס ווארקערס יוניאן, לאקאל 62 — אב. סניידער.
זייט 3. ביי די סעטעל מאכער און קלאוק שניידער, לאקאל 3 — ד. רובין.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען — פאניא מ. קאהען. זאכען, וואס איז גוט צו ווייסען — פיקום.
זייט 5. טעטיגקייטען פון די באסטאנער לאקאלס — א באאבאכטער.
זייט 6. אין לאקאל 9 — ל. היימאן.
זייט 7. דער דורכפאל פון ... — דאן בוירן (אידיש ג. ב. לינדער). לידער — מ. פערלמוטער.
זייט 8. פון דעם רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג — מ. פערשטיין.
זייט 10. פראבלעמען פון אידישער ארבייט אין מזרח־אייראפא — ל. חאזאנאוויטש. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. הייסאן באסטאנער אין „קאנטרי" — דזש. העלער.
זייט 12. דער פאנאראמא — ל. באראדולין. ווען א מענש איז מודיג (פעליעטאן) — ז. ווהילער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל און זייערע אדרעסען.
זייט 15. ארוועטרטייזמענטס.
זייט 16. נייעס.

מיטינג פון דזש. באארד פון קלאוקמאכער יוניאן

(שלוס פון זייט 6)

סט. צו די 50טע סט. — 101; הארלעם — 28; ברוקלין — 53; דזשוירזי, אריינגנעהכמענדיג אלע דיסטריקטען, 59; לאנג איילאנד — 11; אייסער'ן שטאדט 24. סך הכל — 389.

יוניאן שעפער.

פראטעקטיוו — 215; אמעריקען — 528; אינדעפענדענטס און ריפער — 964; סקוירט — 104; דרעס — 195; סטארס — 58. סך הכל — 2,064.

די שעפער געפינען זיך ווי פאלגט: הארלעם — 48; ברוקלין — 192; דזשוירזי — 36; די אנדערע אין ניו יארק סיטי, יוניאן דזשאבערס — 233; אסאסיאיישאן — 127; אינדעפענדענט 106. סך הכל — 233.

נעהמענדיג אין אנבאטראכט דאס אויבענדערמאנטע רעקאמענדירט ברודער וואנדער דאס פאלגענדע:

1. אנצופיהרען א קעמפיין געגען ניט יוניאן דזשאבערס און צו פרובירען זיי ברענגען אונטער יוניאן-קאנטראל. פאר דעם דארף מען האבען נאך לייטע צו סטאפען און קאנטראלירען די שעפער וואו זייער ארבייט ווערט געמאכט און אויסצוגעפינען צו זיי שיקען זייער ארבייט צו נייע שעפער.

2. אפצוהאלטען יוניאן-דזשאבערס פון שיקען ארבייט צו ניט-יוניאן שעפער. פאר דעם וועט מען מוזען אדאפטירען א פאליסי צו האנדלען שטרענג מיט די, וועלכע שיקען ארבייט צו ניט-יוניאן שעפער.

ברודער פערלמוטער באריכטעט, אז א סטרייק געגען דער פירמע ס. לינזער איז ערקלערט געווארען.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער פיינבערג באריכטעט, אז עס איז פארלויפיג דא זעהר ווייניג ארבייט אין דער אינדוסטריע. דער סיזאן האט זיך נאך ניט אנגעפאנגען.

ברודער פיינבערג באריכטעט אויך, אז ברודער קאראטעניוטא, מענעדזשער פון דעם ברוקלין אפיס, איז טראנספערירט געווארען צו דעם אינדעפענדענט דעפארטמענט אין ניו יארק, און אז ברודער פינקאווסקי, פרעזידענט פון דעם דזשאינט באארד, איז צייטווייליג דער מענעדזשער פון דעם ברוקלין אפיס.

ברודער פיינבערג באריכטעט, אז ער דענקט צו רופען א קאנפערענץ מיט דער דזשאבערס אסאסיאיישאן כדי פאר זיי קלאר צו מאכען, אז זיי וועלען מוזען נאכקומען דעם אגרימענט אין די ווייטערע פארהאנדלונגען און אז עס זיינען דא נאך פארשיידענע זאכען, וועלכע מוזען אויפגענומען ווערען מיט זיי בנוגע אונזער אינדוסטריע.

מיט דעם ווערט די זיצונג געשלאסען.

לואיס לאנגער, סעקרעטער.

חזן דוד רויטמאן, לודוויג זאץ, א. טענענהאלץ, ס. גאלדינבורג און נינא טאראסאווא אלע צוזאמען ביי איין קאנצערט

ווען די אלע אויבענדערמאנטע גרויסע קינסטלער וואלטען אויפגעטראטען ביי א קאנצערט אין ניו יארק אדער אין אנדערע גרויסע שטעט, וואלט מען געצאלט 5 דאלאר פאר א טיקעט, און טויזענדער מענשען וואלטען געמוזט צוריקגעהן, ווייל עס וואלט אין דער גרעסטער האל קיין פלאץ ניט געווען.

אבער ביי דעם קאנצערט אין ארבייטער רינג סאניטאריום אין ליבערטי וועט מען בלויז דארפען באצאהלען 1 דאלאר פאר א טיקעט, און ס'איז דא פלאץ פאר 10 טויזענד מענשען. דער קאנצערט וועט זיין אונטער'ן פרייען הימעל, אויף א גרויסען שעהנעם און טרוקענעם בארג, וועלכער וועט באלייכטעט ווערען מיט שעהנע עפעקטפולע עלעקטרישע לאמפען און שטעלט מיט זיך פאר איינע פון די שעהנסטע הערליכסטע פאנאראמעס.

דאס וועט זיין זונטאג אווענד, דעם 12טען אויגוסט, פון אלע פארמס און בארדינג הייזער וועלען זיך צוזאמענקומען טויזענדער געסט צו הערען אט די באריהמטע קינסטלער.

יעדער פון די ארטיסטען האט צוגעגרייט אן אויסערגעוועהנליך רייכען פראגראם, און עס איז זיכער, אז די וואס וועלען ביייוואהנען דיזען קאנצערט, וועלען האבען דעם גרעסטען פארגעניגען פון זייער וואקיישאן.

דער גאנצער פראפיט געהט פאר דעם לאס אנדזשעלעס סאניטאריום און אנדערע עהנליכע אנשטאלטען.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

גערעכטיגקייט — קאלענדאר —

א קאמיטע פון 4 פרויען פון סטרייקענדע קלאוקמאכער אין קליוולאנד זיינען געגאנגען באזוכען א פרוי פון א סקעב מיט דעם נאמען פארים פון דער סאנשיין קלאוק קא. אום איבערצורעדען מיט איהר, זי זאל זעהן ווירקען אויף איהר מאן ער זאל מעהר ניט געהן סקעבען.

די קאמיטע איז באגעגנט געווארען פון 2 באוואפענטע גארדס, וועלכע האבען זיי מיטגעטהיילט, דאס אויב זיי ווילען זעהן די מיסעס פארים מוזען זיי געהן אין די ריער. גלייך ווי די פרויען זיינען צוגעקומען צום בעק פארטש האט מרס. פארים אויף זיי אויסגעגאסען א קעסעל זודיגע וואסער, און דאן האבען די גארדס גענומען שיסען מיט זייערע רעוואלווערען. די ערשטע פון די פרויען וואס איז פארוואונדעט געווארען איז געווען מרס. ל. דייוויס. זי איז אומגעפאלען א פארבלוטיגטע אויף א בלומען-בייט אין יארד. באלד נאך איהר איז אומגעפאלען מרס. רעבעקא ראזענפעלד. מרס. איידע אבראמס האט געקראגען 2 קוילען אין זייט. מען האט זי א שטארבענדע צוגענומען אין האספיטאל. מרס. ראזע וואלדמאן האט געקראגען א קויל אין פוס.

• • •

לאקאל 17 ערקלערט א סטרייק ביי דער פירמע דרום בראדערס דערפאר, וואס די פירמע וויל דווקא באשעפטיגען א נאן-יוניאן קאטער.

• • •

איידע שניידער, מינע שניידער, ראזע בערלין און מ. מארקוס ווערען ארעסטירט פאר פיקעטען דעם שאפ פון דער פירמע ראזענוואסער און קא., פון 826 בראדוויי, וואו די וויסט און דרעסמאכער יוניאן האט ערקלערט א סטרייק דערפאר, וואס די פירמע האט זיך ענטזאגט צו באשעפטיגען יוניאן-מעמבערס און האט געמאכט א פרוואו צו אפערירען אן אפען-שאפ.

רעזאלוציע פון דזשאינט באארד סאשעליסט קאנסומערס ליג

ביי א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון דער סאשעליסט קאנסיומערס ליג אוו גרייטער ניו יארק, וועלכע פארטרעט אלע בראנטשעס פון אלע בארא, איז איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציע:

אין אנבאטראכט דאס סטאר קיפערס וואס פארקויפען לעבענס מיטעל האבען פארגעסען אז זייערע קאסטומער באשטעהען מעהרסטענס טייל פון פרויען פון ארבייטער, דארום זיי עס באשלאסען צו אפעלירען צו אלע רעכטדענקענדע פרויען, אז זיי זאלען פאטראנייזען דעליקאטעסען, ברויט, פלייש, און גראסערי ווי אויך אנדערע סטארס, וועלכע פארקויפען אלערליי פראדוקטען, וואו עס איז פאראן א יוניאן סיין אדער א יוניאן לייבעל און וואו עס ווערען באשעפטיגט יוניאן ארבייטער.

עס ווערט גלייכצייטיג באשלאסען אויפצופאדערען אלע מעמבערס פון דער ליג, אז זיי זאלען אין זייערע דיסטריקטען אגיטירען פאר דער יוניאן סיין און יוניאן לייבעל.

מיט גרוס,
דזשאינט באארד סאשעליסט קאנסיומערס ליג.

שטריקער יוניאן רופט א סטרייק אין דער „טיפ טאפ ניטינג מיל"

די „טיפ טאפ ניטינג מיל" פון 163 גרין סטריט, ניו יארק, האט געמאכט א לאקאוט אויף אירע ארבייטער מיט דעם צוועק פטור צו ווערען פון א יוניאן שאפ. די פירמע האט זיך באנוצט מיט דעם מיטעל פון איינפיהרען עטליכע פאוער מאשינען אנשטאט האנד מאשינען און זי האט דארום ערקלערט אז זי דארף מעהר ניט די שטריקער און בכלל קיינע פון איהרע ארבייטער.

די שטריקער ארבייטער ווייסען גאנץ

אונזערע עקסקורשאניסטען פארברענגען אן אנגענעמען טאג אויפ'ן האדסאן

(שלוס פון זייט 1.)

האט דער עולם גענאסען פון געשמאקען אייז-קרים און די קאלטע סאדאס, מיט וועלכע די אראנזשמענטס-קאמיטע פון סטודענטען-קאונסיל האט מכבד געווען די געסט.

אין קורצען, די אנוועזענדע האבען פארבראכט א טאג, וואס מען וועט אזוי גיך ניט פארגעסען.

איידער דער עולם האט פארלאזען די יאכט-שיף, איז אפגעהאלטען געווארען א קורצער מיטינגעל, און עס איז באשלאסען געווארען, דאס דורך די מאנאטען סעפטעמבער און אקטאבער זאל געמאכט ווערען „הייקס" צו פארשיידענע געגענדען, ווי דאס איז געטאן געווארען אין אנפאנג פון זומער.

גוט, אז די פירמע האט גאר ניט ברעה אויפצוגעבען דעם דעפארטמענט פון הענד שטריקעריי. די יוניאן האט דארום ערקלערט דעם שאפ אין סטרייק. די ארבייטער פון דעם שאפ זיינען ענטשלאסען אנצופיהרען דעם קאמף ביז דער שאפ וועט ווידער זיין א יוניאן שאפ.

דאנערשטאג אוונד, אויגוסט דעם 9טען וועט פארקומען א ספעציעלער מיטינג פון אלע שאפ טשערלייטע אין דעם נייעם אפיס פון דער יוניאן „פיפעלס הויז" 7 איסט 15טע סטריט, ניו יארק. עס וועט באשפראכען ווערען די יעצטיגע לאגע אין טרייד און אין דער יוניאן.

אלע טשערלייטע מוזען אומבאדינגט קומען.

ארגאניזיישאן דעפארטמענט

א. ל. ג. וו. י.

אויפמערקזאם!

די ארבייטער ביי קלאוקס, סוטס, סקוירטס, דרעסעס, וויסטען און אלע אנדערע לײדיס גארמענטס פון די שעפער ארום ניו יארק ווערען אויפמערקזאם געמאכט, דאס דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל האט געעפענט

הייצעהן אפיסעס

— אין —

ניו יארק, קאנעטיקוט און ניו דזשוירזי סטייטס

די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי לײדיס גארמענטס אין די שטעדט און שטעדטלאך פון די דערמאנטע דריי שטאאטען, זיינען געבעטען מיטצוהעלפען דעם אינטערנעשאנאל ארגאניזיישאן-דעפארטמענט. זיי קאנען עס טאן, ווען זיי וועלען ברייגנען אויסקינפטע וועגען די אוט-אוו-טאון שעפער אין דזשענעראל אפיס, אדער אין איינעם פון די בר. אפיסעס, וואס ווערען דא פארעפענטליכט.

די אינפארמאציע וועט צו קיינעם ניט ארויסגעגעבען ווערען. עס וועט געהאלטען ווערען סטריקט פריוואט.

אט איז די ליסט פון אלע אוט-אוו-טאון אפיסעס:

ברידזשפארט, קאנג.	מעטאל טריידס העדקווארטערס	927 מעין סטריט
נוארק, נ. דזש.	68 ס. אראנדזש עוועניו	מארקעט 4501 — מר. רעיד
	103 מאנטגאמערי סטריט	ווייווערלי 4507 — ברוק
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	76 מאנטגאמערי סטריט	מאנטגאמערי 2883 — ראזענבערג, שנייד.
לאנג ברענטש, נ. דזש.	114 בראדוויי	לאנג ברענטש 2040 — שנעיד
האקענסעק, נ. דזש.	7 מעין סטריט	האקענסאק 1499-ר—מר. דוראנדא
לאנג איילאנד סיטי, ל. א.	9 דזשעקסאן עוועניו	האנטערס פאינט 0068 — מיניע פאשקיל, שוב, ארעמצקי
פליינפיעלד, נ. דזש.		מערי אקאטשיא
ספרינג וואלי, נ. י.	ספרינג וואלע, נ. י.	עליזאבעטה דזשאנסאן
אדאמס, נ. י.	אדאמס, נ. י.	מרס. ברימטאן
קאלטשעסטער, קאנג.	באקס 226	הערי סארין
סטאמפארד, קאנג.	42 סמילוואטער סטריט	אננא לאגארדיא
מאונט ווערנאן, נ. י.	35 סאוט 4טע עוועניו	הילקרעסט 3796 — ל. מאגיא
ניו בראנזוויק,	340 דזשארדזש סטריט	מ. ק. קעיהמע.
פארמי עמבאי		

דזשייקאב האלפערין, מענעדזשער.

ביי די סעמפעל־מאכער און קלאוק־שניידער לאקאל 3

עס איז געווען א צייט, ווען פון אלע בעלי-מלאכות אין אונזערע יוניאנס איז דער סעמפעל־מאכער געווען דער איינציגער, וועמען מען האט ניט געקאנט „ריאינסטייטען”, ווען ער איז ארונטערגעשיקט געווארען פון זיין ארבייט. ער האט ניט געקאנט מאכען א „קאמפליינט” אין די יוניאן פאר דעם, וואס דער באס שיקט איהם אוועק. די יוניאן האט איינפאך אזא „קאמפליינט” ניט אויפגענומען. האט מען דעם סעמפעל־מאכער ארונטערגעשיקט איז עס געווען פארפאלען. ער איז געווען אן אויסנאם אין פארגלייך צו אלע אנדערע ארבייטער אין זיין שאפ, וועלכע האבען יא געהאט דאס רעכט צו „קאמפליינען” פאר זייער ארונטערגעשיקט ווערען, און צוגלייך אויך דאס רעכט אויף גלייכער צוטיילונג פון די ארבייט צווישען זיך.

אין יענער צייט האבען זיך די סעמפעל־מאכער באטראכט און געפיהלט אלס שטיף־ברידער צו די אנדערע מיטגלידער פון זייער יוניאן, און האבען מיט רעכט געפיהלט א פארדרוס געגען אונזער לאקאל און געגען די דזשאינט באארד, פאר וואס מיר וועהן ניט עפעס צו טאן, מען זאל זיך מיט די סעמפעל־מאכער ניט אזוי ארומווארפען, אזוי ווי זיי וואלטען ניט געווען קיין מיטגלידער פון אונזער יוניאן מיט אלע אנדערע צוגלייך.

איך ווייס ניט, פארוואס דער סעמפעל־מאכער פלעגט אלע מאל באטראכט ווערען, אפילו פון אונזער יוניאן, אלס ניט א גלייכער ארבייטער ווי אלע אנדערע פון זיין שאפ. עפעס פלעגט מען אונז איינרעדען דאס זיינע אינטערעסען אין שאפ זיינען אנדערש ווי פון דעם אפערייטאר און פינישער. דער אויסרייד פלעגט זיין, דאס ער איז די צווייטע האנט פון דעם דעזיינער, דאס דער סעמפעל מאכער האט צוויי סיזאנס, דאס סעמפעלס זיינען פאר איהם בלויז א ווינטער צולייג, א דזשאבל, א. או. וו.

אונזער לאקאל האט איינגעזעהן די גערעכטע רייד און די „דיסקרימינײשאנס”, וואס אונזערע סעמפעל־מאכער האבען אויסגעשטאנען אין דער פראגע פון ניט גלייכער צוטיילונג פון ארבייט פאר זיי. דער סעמפעל מאכער פלעגט אלע מאל ציטערען און מורא האבען פאר דעם „שבת”, טאמער שיקט מען ארונטער, און קיין קליים האט ער ניט, ער האט אלע מאל געפיהלט ווי א ניט זיכערער אין זיין פלאץ.

דאס נאטירליך האט זיך גאנץ שלעכט אפגערופען אויף אונזער לאקאל. עס איז געווען שווער די סעמפעל־מאכער צו רופען צו שאפ־מיטינגען. זיי האבען קיין אינטערעס ניט געהאט, זיי האבען געוואוסט, דאס מיר קאנען פאר זיי גארניט אויפטאן. דאס רעכט אויף זייער דזשאב, האבען זיי געוואוסט, ליגט אין די הענד פון זייערע באלעבאטים. מיר האבען צו זיי ניט געקאנט רעדען אזוי, ווי צו די אנדערע ארבייטער אין שאפ. די איינציגע זאך, וואס די סעמפעל־מאכער האבען געטאן, איז געווען צאהלען דיוס.

ענדליך האבען מיר מיט איינינע מאנאטען צוריק, לויט דעם באשלוס פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן, אויסגעפירט צו קריגען דעם געווינס פאר סעמפעל־מאכער, דאס מען קאן זיי ניט ארונטערשיקען אהן קיין שום אורזאך, און אויך האבען מיר געקראגען דאס רעכט אויף א גלייכער צוטיילונג פון ארבייט.

אונזער לאקאל באטראכט עס פאר א זעהר וויכטיגען געווינס פאר אונז.

דאס גיט אונז די געלעגענהייט צו קומען מיט די סעמפעל־מאכער אין א נאהענטער פארבינדונג. מיט מעהר אינטערעס פאר זייערע שאפ־פראגען, מיט מער רעכט און מיט א גרעסערען פארלאנג וועלען מיר קאנען אונזערע סעמפעל־מאכער רופען צו זיין פיל טעטיגער אין די אינטערעסען פון אונזער לאקאל. דער געווינס גיט צו מעהר לעבען און רירעוודיגקייט צו אונזער לאקאל.

דערפאר רופען מיר אויס צו .אונזערע סעמפעל מאכער, נאכדעם ווי איהר האט געקראגען דאס, וואס איהר האט מיט רעכט פארלאנגט פילע מאל, נאכדעם, ווי מען קאן אייך ניט מעהר „דיסטשארדזשען” דערפאר וואס אייער באס האט זיך אזוי פארגלוסט, דערפאר דארפט איהר איצט זיין מעהר פאראינטערעסירט אין אייער לאקאל, און וועהן ניט צו פארפעהלען צו קומען צו מיטינגען, ווען אייער לאקאל רופט אייך. קומט אלע מאל, גיט אפ אייערע שאפ־רעפארטס און מאכט אייערע קאמפליינטס אין אונזער אפיס אויב איר האט אזעלכע.

איך ווייס, דאס מאנכע פון אייך צווייפלען אין דעם געווינס פאר די סעמפעל־מאכער, אבער קומט אין דער יוניאן און איבערציינט אייך. דאס קומט דערפון וואס איהר זיינט פון יאהרען לאנג געוואוינט געווארען צום געדאנק דאס סעמפעל־מאכער קאן מען ארונטערשיקען ווען מען וויל, און קיין קאמפליינט איז ניטא.

סעמפעל מאכער! קומט און מאכט אייערע קאמפליינטס ווען מען שיקט אייך ארונטער מיט דעם אויסרייד, דאס דער באס דארף מעהר קיין סעמפעל־מאכער ניט האבען.

עס קומען אין אפיס סעמפעל־מאכער זיך אנפרעגען אויב עס איז אמת, וואס זיי האבען געהערט אין גאס, דאס סעמפעל מאכער מוזען צוטיילען זייערע ארבייטען צווישען זיך גלייך. עס איז פאר זיי אומגלויבליך.

מיר האבען אין אפיס רעקארדס פון א גענוגענדע צאהל שעפער, וואו מיר האבען „ריאינסטייטעד” סעמפעל־מאכער. קומט אין אפיס און צו אלע אונזערע מיטינגען און איבערציינט אייך אין דער ריכטיגקייט.

ביי דעם לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, אויגוסט דעם זיבעטען, אין אונזער אפיס, איז א קאמיטע פון צעהן פון דעם אמסטערדאם שאפ געקומען פאר דער עקזעקוטיוו מיט א שעהנעם בוקעט בלומען אלס א געשאנק און אנערקענונג צו ברודער רובין, דעם איצטיגען סעקרעטער און מענעדזשער פון לאקאל און צו די עקזעקוטיוו באארד.

די קאמיטע דריקט אויס איהר וואונש און באגריסט ברודער רובין און די עקזעקוטיוו באארד צו האבען ערפאלג אין די ווייטערדיגע ארבייט פאר דעם לאקאל.

מיר שעצען אזא האנדלונג פון א שאפ וואו עס ארבייטען נאהענט פון צוויי הונדערט מיטגלידער פון אונזער יוניאן. עס גיט צו מוט און כח צו די ארבייט, וועלכע מיר ווילען ממילא טאן.

מיר דריקען אויס אונזער הארצליכען דאנק צו די קאמיטע און צום גאנצען שאפ ארבייטער פאר זייער שעהנע האנדלונג.

לאמיר אויך מיטטיילען, אפשר ווייסען עס נאך פילע ניט, אז ברודער לעפקאוויץ, אונזער מענעדזשער פון לאקאל, איז אפגעפאהרען אין לאס אנדזשעלעס צו ארגאניזירען די דארטיגע קלאוקמאכער, האט די עקזעקוטיוו באארד היינט אנגעשטעלט ברודער רובין, דעם געוועזענעם סעקרעטער פון דעם לאקאל, אלס מענעדזשער סעקרעטער פאר דער צייט פון ברודער לעפקאוויץ'ס אבוועזענהייט.

מיר ווינשען ברודער לעפקאוויץ ערפאלג אין זיין ארבייט פאר אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, צו וועלכער ארבייט ברודער זיגמאן, אונזער פרעזידענט, האט איהם אפאינטעד.

ברודער לעפקאוויץ, צוליב זיין אומערווארטעטען אפפאהר קיין לאס אנדזשעלעס, האט קיין צייט ניט געהאט צוזאמענצורופען א לאקאל מיטינג, און זאגען אונזערע מיטגלידער א זיי־געזונט. די עקזעקוטיוו באארד האט אפאינטעד א קאמיטע פון די ברידער קורץ, העקער און פענסטער צו באלייטען ברודער לעפקאוויץ מיט א שעהנעם קראנץ בלומען און ווינשען איהם א גליקליכען פאהר־געזונט.

ד. רובין, עקטינג
מענעדזשער לאקאל 3.

די פאציענטן פון דענווער סאניטאריום וועלען האבען ווינטער פרישע וועדזשעטייבלס פון זייער אייגענער פארם.

דער דענוווער סאניטאריום האט אן אייגענע פאולטרי און דעירי פארם, וואס גיט נאר באזארגט זי מיט אלע מילך פראדוקטען און וועדזשעטייבעלס די פאציענטען, נאר גיט אויך א מעגליכקייט די פאציענטען, וואס ווילען זיך אויסצולערנען פאולטרי און דעירי פארמינג, וואס עס קען זיי אמאל צונוצקומען ווען זיי געהען ארויס פון סאניטאריום און זיי ווילען ניט אדער זייער געזונט צושטאנד ערלויבט זיי ניט צו פארנעמען זיך מיט זייערע פריהערדיגע פראפעסיעס.

די פארם איז אזוי גוט אויסגעשטעלט געווארען, אז דעם לעצטען יאהר האט זי אריינגעבראכט אכט טויזענד דאלאר פראפיט, און עס זיינען נאך דא מעגליכקייטען צו פארגרעסערען די פארם און עס ווערט טאקע געטאן אין דער ריכטונג.

די פארם ווערט פארגרעסערט מיט גאנצע פערציג אקער לאנד; די פארגרעסערטע דעירי און פאולטרי פארם וועט פארגרעסערען זעהר שטארק דעם פראפיט, און געלט איז א זאך, וואס עס קען שטענדיג פארנוצט ווערען אין דענוווער סאניטאריום.

און צוזאמען מיט דער פארגרעסערונג פון דער פארם ווערט איצט געבויט אויך א גרין הויז, וואס וועט מעגליך מאכען, אז די פאציענטען פון דענוווער סיניטאריום זאלען האבען ווינטער צייט פרישע וועדזשעטייבעלס און דערצו נאך פון זייער אייגענער פארם.

בכלל איז מען זעהר „ביזי” איצט אין דענוווער סאניטאריום, וואס א טאג ווערען געמאכט נייע פארבעסערונגען און עס ווערט זעהר שטארק געארבייט פאר דער נייער פרויען געביידע, פאר א געביידע, וואס וועט האבען פלאץ פאר איבער הונדערט פרויען פאציענטען.

זאציאנס ארבייט האבען מיר לעצטע וואך געשלאסען אן אגרימענט מיט די בלו בוירד אנדערוועער קאמפאניע. מיר האבען א סטרייק מיט די מעיגארט פון ברוקלין. דיזער סטרייק איז שוין א פאר וואכען אלט. עס זיינען שוין ביי יענעם שאפ ארעסטירט געווארען איינינע פיקעטס, וועמען א גוטהערציגער דזשאדזש אין ברוקלין האט שטראפירט מיט געלד, איינע מיט 10 דאלאר און איינע מיט 25 דאלאר. דאס פיקעטינג האלט אן און וועט אנהאלטען אזוי לאנג, ביז דער באלעבאס וועט נאכגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער.

די בעסטע
פאר אייער געלט

פילע מענשען צאהלען מיט צופרידענהייט אביסעל מעהר פאר טערקישע סיגארעטען ווי פאר אירגענד וועלכע אנדערע. און ווארום? ווייל טערקישע טאבאק איז ווערטה צוויי אדער דריי מאל אזוויפיעל ווי אנדערע טאבאק.

העלמאר טערקישע סיגארעטען גיבען אייך 100% אמת'ע טערקישע טאבאק. געוויינליכע סיגארעטען גיבען אייך געמישטע טאבאק.

העלמאר קומען געפאקט אין קארדאן באקסעס, וועלכע פערהיטען זיי פון צוברעכען און פון צודריקט ווערען. געוויינליכע סיגארעטען קומען געפאקט אין באנדלעך.

געדענקט די באקס
און דעם נאמען

באקסעס פון 10 אדער 20

Anargyros

מאנופעקטשורערס פון די העכסטע סארטען טערקישע און עגיפטישע סיגארעטען אין דער וועלט.

HELMAR

די וואך

פון מאקס ד. דעניש

דער קוילען-קריזיס.

די וויכטיגסטע געשעהעניש לעצטע וואך אין דעם פאר'עקשנ'טען סכסוך צווישען די הארטע קוילען ארבייטער און די מאין-מאגנאטען איז דאס, וואס די רעגירונג האט זיך אריינגעמישט, כדי צו פארמיידען דאס אפשטעלען פון דער ארבייט אין די מיינס דעם 1טען סעפטעמבער. די קאול קאמישאן האט איינגעלאדען די מאין-אייגענטימער און די יוניאן-פיהרער צו א קאנפערענץ, וואס וועט געהאלטען ווערען אין ניו יארק. די דאזיגע האנדלונג פון דער קאול קאמישאן האט הינטער זיך די פולע הסכמה פון פרעזידענט קולידזש.

פון דעסטוועגען איז נאך צווייפעלהאפט צי די דאזיגע קאנפערענץ וועט פיהרען צו פראקטישע רעזולטאטען. אזוי ווי די הארטע קוילען מיינס געפינען זיך אין פענסילווייניא און זיינען ניט קיין „אינטערסטייט ביזנעס”, — דאס הייסט ניט קיין געשעפט, וואס איז פארצווייגט אין מעהר ווי איין שטאאט, — איז נאך א פראגע צי דער פרעזידענט האט דאס לעגאלע רעכט צו געברויכען זיין פעדעראלע מאכט אין דעם דאזיגען ריינעם סטייט-סכסוך. און די קאול קאמישאן איז אויך ניט קיין רעגירונגס-קערפערשאפט פון עפעס א האפט; זי האט בלויז דאס רעכט צו ראטען, אן עצה צו געבען, אבער קיין אמת'ע מאכט האט זי נים. עס איז דעריבער א גרויסע פראגע צי וועט די רעגירונג קענען געפינען א גרונד, אויף וועלכען ארויסצונעהמען אן אינדזשאנקשאן געגען די ארבייטער, ווען עס זאל האלטען ביי א סטרייק, און זיי צווינגען פארטצוזעצען די ארבייט. און נאך א גרעסערע פראגע איז צו וועט די רעגירונג קענען צווינגען די מיין-אייגענטימער נאכצוגעבען די ארבייטער-פאדערונגען דורך דעם סטראשונאק איבערצונעהמען די מיינס און פארטזעצען די ארבייט לטובה דעם אלגעמיינעם פובליקום.

די אויסזיכט אויף מלחמה אין דער הארטער קוילען אינדוסטריע איז דעריבער ניט קלענער געווארען. דער איינציגער אויסוועג ווייזט אויס צו זיין, אז די מיין-אייגענטימער זאלען נאכגעבען צוויי וויכטיגסטע פונקטען פון די יוניאן-פאדערונגען — די פאלשטענדיגע אנערקענונג פון דער יוניאן און דעם „טשעק אף”-סיסטעם. ווארים די יונייטעד מיין ווארקערס זיינען ענטשלאסען אין דיזע צוויי פונקטען בשום אופן ניט נאכצוגעבען, און זיי זיינען גרייט אלץ צו שטעלען אין קאן אום דיזע פונקטען צו געווינען. די יוניאן איז שטארק גענוג איהרע פאדערונגען דורכצוזעצען, און אויב זי וועט זיך האלטען ביי דאס איהריגע און וועט נים פארלירען דעם מוט, וועט זי עס אויך באוויזען צו טאן.

דער סוף פון דער אנטאנט?

ענדליך איז פארעפענטליכט געווארען די קארעספאנדענץ צווישען דער בריטישער און פראנצויזישער רעגירונג וועגען דער רעפעריישאנס-פראגע און וועגען דער אקופאציע פון דער רוהר-געגענד. די דאזיגע קארעספאנדענץ הויבט א ביסעל אויף דעם פארהאנג און ווארפט א פאס ליכט אין דער שטאק-פינסטערניש פון די דיפלאמאטישע פארהאנדלונגען און אינטריגעס, וואס האבען פארשלעפט די אומגליקליכע אייראפא אין אן אפגרונד.

דער סך-הכל פון דעם ענגלישען ענטפער צו פראנקרייך איז, אז ענדליך קומט א סוף צו דער ניין-יעהריגער מלחמה-ברודערשאפט צווישען ענגלאנד, פראנקרייך און בעלגיע. אין איהר ענטפער קלאגט ענגלאנד אן פראנקרייך, אז זי האט געהאנדעלט טאקטלאז און אהן א ברעקעל איבערלעגונג; אז איהר אקופאציע פון רוהר איז אונגעזעצליך אפילו לויט דעם ווערסאלער פרידענס-אפמאך. נים נאר ענטזאגט זיך ענגלאנד נאכצופאלגען פראנקרייך אין איהר אוואנטורע, נאר זי פרעגט ערנסט אפ דאס פראנצויזישע רעכט צו באפאלען דעם רוהר און אויף אזא אופן פאראליזירען דייטשלאנד אינדוסטריע.

עס איז שווער צו ערווארטען, אז פואנקארע און זיין חברותא זאלען חרטה האבען אויף זייערע מעשים און זאלען ענדערען זייער באציהונג צו דייטשלאנד. זיי זיינען פאראינטערעסירט צו פארניכטען דייטשלאנד, זי אפצוראמען פון וועג אלס מעגליכען קאנקורענט אין אייראפא; זיי האלטען דייטשלאנד ביים גארגעל און וועלען זי ניט אפלאזען ביז זיי וועלען איהר אינגאנצען דערשטיקען. זיי וועלען דאס טאן אפילו ווען זיי וועלען צוליב דעם פארלירען די פריינדשאפט פון ענגלאנד. פאקטיש איז די אליאנץ צווישען ענגלאנד און פראנקרייך געוועזען צו ענדע גלייך נאכדעם ווי דער וואפען-שטילשטאנד איז געשלאסען געווארען — ווען א פרידליכע דייטשלאנד פול מיט שפע איז געווארען א לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר ענגלאנד און א דארן און דרעק אין די אויגען פון די פראנצויזישע אימפעריאליסטען.

די גאזאלין-מהומה.

אין לאנד געהט יעצט אן א מלחמה, כאטש פיעלע פון אונזערע לעזער ווייסען ניט דערפון.

עס איז א קאמף ביז צום ביטערן סוף, וואס ווערט אנגעפיהרט צווישען די סטענדארד אויל קאמפאניעס, וועלכע קאנטראלירען די מאיאריטעט גאזאלין-קוועלען אין די פאראייניגטע שטאאטען, און די קאמפאניס וואס באלאנגען ניט צום טראסט. פאר יאהרען און יאהרען פלעגט די סטענדארד אויל קאמפאני באשטימען דעם פרייז פון גאזאלין און אנדערע אויל-פראדוקטען. אין דער לעצטער צייט אבער, ווען נייע אויל-קוועלען זיינען ענטדעקט געווארען און עס זיינען אויפגעקומען נייע אומאפהענגיגע אויל-קאמפאניס, איז די סטענדארד אויל קאמפאניע שוין ניט מעהר דער זעלבסט-הערשער. און דערפאר מאקע געהט עס איצט אן די גאזאלין-מלחמה.

מיט אמאל איז די סטענדארד אויל קאמפאניע געווארען גוטהערציג און איהר קאמפאניע פון אינדיאנא האט ארונטערגעריסען 6 סענט אויף א גאלאן גאזאלין. זי האט נאך דערצו געגעבען אנצוהערען, אז זי וועט אפשר דעם פרייז נאך מעהר ארונטערשניידען. די אינדיאנא'ער סטענדארד אויל קאמפאני האט ארויסגעלאזען א באקאנטמאכונג, וועלכע זוכט צו מאכען דעם איינדרוק, אז די פארקלענערונג אין פרייזען האט גארניט צו טאן מיט איהר האלז-שניידענדער קאנקורענץ געגען די אינדעפענדענט אויל-קאמפאניס. מערקווירדיג איז אבער, אז קיינער גלויבט ניט איהרע ערקלערונגען.

די ארבייטער וועלען מסתמא קיין סך טרעהרען נים פארגיסען אויף דעם גורל פון די אינדעפענדענט אויל קאמפאניס. לעת עתה איז גאזאלין נאך נים געווארען קיין לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר דעם ארבייטער, כאטש גאזאלין ווערט אלץ מעהר און מעהר אלגעמיין געברויכט, איבערהויפט זייט אויטאמאבילען זיינען געווארען א סך ביליגער ווי אמאל.

די סטענדארד אויל קאמפאניע האט, ווייזט אויס, ענדליך זיך ענטשלאסען אפצוראמען פון וועג איהרע קליינע קאנקורענטלאך אויף דעם אמעריקאנער פעלד. און פון דעם אימפעט, מיט וועלכען די סטענדארד אויל קאמפאניע האט זיך גענומען פאר דעם דזשאב, קען מען זיך ריכטען, אז עס וועט ניט נעהמען לאנג און די אלע מילבען-קאמפאניס וועלען פארשלונגען ווערען פון דעם סטענדארד אויל טראסט. זיי וועלען מוזען אויספארקויפען זייערע ביזנעס צום טראסט, אויב זיי וועלען נים וועלען אינגאנצען געבראכען געהן.

און נאכדעם ווי די סטענדארד אויל קאמפאניע וועט האבען געוואונען איהר הייליגען קריג, וועט דער פרייז פון גאזאלין מסתמא ארויפגעהן ביז 30 סענט א גאלאן, און דער אויל-אקטאפוס וועט ווידער קענען לעבען אין פרידען.

דער נייער דייטשער מיניסטערען-קאבינעט.

אונטער דעם קלאנג פון שיסעריי און דעם צוזאמענשטויס צווישען קאמוניסטען און סטרייקער און פאליציי און מיליטער, האט דער קונא-קאבינעט אויסגעהויכט זיין נשמה און אפגעטרעטען דעם פלאץ צו דעם נייעם רייכס-קאנצלער, גוסטאוו סטרעסעמאן.

קונא, וועלכער איז אליין א גרויסער אינדוסטריאליסט, האט אין זיין אינערליכער און אויסערליכער פאליטיק אפגעשפיגעלט די אינטערעסען פון די גרויסע דייטשע קאפיטאליסטען. די דייטשע סאציאליסטען און ארבייטער-יוניאנס האבען איהם צו-רוה געלאזט אזוי לאנג ווי זיי האבען געהאפט, אז ער וועט קומען צו א פארשטענדיגונג מיט פראנקרייך און שליכטען די בלוטיגע רוהר-אפערע. ווען עס איז אבער קלאר געווארען, אז נים נאר האט קונא גארנים דערגרייכט מיט זיין אויסלענדישער פאליטיק, נאר אז ער האט אויך אין לאנד אנגעמאכט א חורבן; אז ער האט פארפלייצט דייטשלאנד מיט פאפיר-געלד און האט דערמיט אונגעהייער פארערגערט די אזוי אויך טרויעריגע לאגע פון די דייטשע ארבייטער, — ווען דאס איז קלאר געווארען, האבען די דייטשע ארבייטער באשלאסען צו מאכען א סוף צו זיין הערשאפט.

די איצטיגע רעגירונג איז א קאאליציע צווישען דער פאלקס-פארטיי און די פאראייניגטע סאציאליסטען, מיט דעם פעהיגען, כיטרען און בויגען סטרעסעמאן אן דער שפיצע. די סאציאליסטען און טרייד-יוניאניסטען האבען געקראגען פיר מיניסטערען-שטעלעס אין דעם נייעם מיניסטערען-קאבינעט. די נייע רעגירונג פארשפרעכט צו רעפארמירען די פינאנציעלע סיסטעם, ארויפצולעגען די הוצאה-לאסט פון דער רעגירונג אויף די פארמעגליכע קלאסען און צו באגרענעצען די אונזעטליכע אפעטיטען פון די פראפיטירס.

די נייע רעגירונג האט זיך גענומען ענערגיש צו איהר ארבייט. דער ערשטער אקט איהרער באווייזט עס. זי האט נעמליך געלאזט וויסען די עלייס-רעגירונג, אז אום צו פארמיידען דעם גענצליכען צוזאמענברוך פון דייטשלאנד מוז זי אויפהערען צו צאהלען רעפעריישאנס ניט נאר צו פראנקרייך און בעלגיען, נאר אויך צו אלע אנדערע לענדער פון די עלייס. נאטירליך, האט די נייע רעגירונג אויך ניט פארגעסען צו צוזאגען, אז אזוי שנעל ווי די לאגע פון דייטשלאנד וועט ווערען בעסער וועלען די צאהלונגען ווידער געמאכט ווערען. די דייטשע נאטע ערקלערט, אז פארלויפיג מוז זי געברויכען איהרע אייגענע רעסורסען אום צו פארמיידען פשוט'ען הונגער אין לאנד.

ווהייט גודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62

פון אב. סניידער, מענעדזשער.

אין דעם איצטיגען מאמענט איז אין אונזער טרייד דא גאנץ ווייניג ארבייט. אין די מעהרסטע שעפער זיינען אונזערע ארבייטער באשעפטיגט בלויז אייניגע טעג אין וואך. דער סלעק איז נים אינגאנצען קיין נאטירליכער. ווייל, לויט דער מיינונג פון די וואס זיינען מיט דעם טרייד שוין פאר פילע יאהרען, האט זיך שוין געדארפט אנפאנגען דער סיזאן ווען אלע ארבייטער זיינען באשעפטיגט. די אורזאך פון דעם איצטיגען סלעק איז די, וואס די מאנופעקטשורערס אליין האלטען זיך צוריק פון צו שניידען ארבייט.

די פריהערדיגע יאהרען האט יעדער ווייט-גודס מאנופעקטשורער געוואוסט, אז דורך די מאנאטען, ווען קיין ארדערס קומען נים אריין גענוג, מוז מען אנגרייטען גענוג סטאק, אזוי אז ווען דער סיזאן קומט אן זאל מען קענען ערפילען די ארדערס.

איצט איז אבער די לאגע גאנץ אנדערש. קיין סטאק שניידט מען נישט, ווייל עס לוינט זיך נים. אזוי זאגען אונזערע מאנופעקטשורער. אין פארלויף פון די מאנאטען מאי, יוני און יולי האבען אונזערע באלעבאטים אפגעהאלטען גרופ-מיטינגען, און דיסקוטירט פראגען פון טרייד. צווישען די איז אויך געווען די פראגע, צי לוינט זיך איינשטעלען און מאכען סטאק ווי אימער. נעמענדיג אין אמבאטראכט דעם צושטאנד פון קאטען מארקעט, וועלכער איז נים קיין באשטימטער און פעסטגעשטעלטער ווי אויך באטראכטענדיג די ענדערונג פון סטיילס אין די ארטיקלען וואס זיי מאנופעקטשורען, זיינען זיי געקומען צום שלום, אז עס איז בעסער זיך אפצוהאלטען פון אנגרייטען סטאק.

דערצו זיינען נאך אין די לעצטע מאנאטען פארגעקומען אייניגע באנקראטען. און האט איהר נאר געהאט א געלעגנהייט צו רעדען מיט א ווייט-גודס מאנופעקטשורער פלעגט ער אייך שוין ארייניציהען אין א געשפרעך וועגען דיזער פראגע און אייך פארזיכערען, אז די וואס האבען שוין ביז איצט באנקראטירט זיינען נאך גארנים, ווארט נאר א ביסעל אפ און די באנקראטען וועלען ערשט קומען. לויט דיזער מיינונג האט זיך איינעם געקענט אויסדרוקען, אז אלע מאנופעקטשורערס וועלען באלד פארמאכען די שעפער און די גאנצע אינדוסטריע וועט אפשטארבען.

פארשטעהט זיך, אז דיזע רייד זיינען געווען א סך איבערטריבען. איך בין כמעט ווי זיכער, אז דאס איז געטאן געווארען מיט א באשטימטער אבזיכט, ווייל באטראכטען מיר די לאגע א ביסעלע גרינגער, זעהן מיר, אז די וואס זיינען אויף דיזען אופן געצוואונגען געווען צו פארמאכען די שעפער, זיינען געווען די אומפעהיגסטע אין טרייד. ביז א געוויסען גראד האט אויך דאס ארויסגעהן פון די ביזנעס געבראכט נוצען דעם טרייד אלס א גאנצען. אזוי צו אנדערש, די טרייד האבען קיין געזונד נים צוגעגעבען. און דאס איז אויך איינע פון די אורזאכען פאר דעם איצטיגען סלעק אין אונזער אינדוסטריע.

גליקליכערווייזע האלט דיזער צושטאנד איצט אין פארשווינדען, און מיר ערווארטען אז נאך אייניגען זאל זיך אנפאנגען צוריק די ביזי אין טרייד, און אונזערע מיטגלידער וועלען זיין באשעפטיגט פולע וואכען.

אין די לעצטע עטליכע מאנאטען האבען די ארבייטער געהאט פילעס אויסצושטעהן פון די באלעבאטים. די באלעבאטים האט זיך זעהר שטארק געוואלט אויסנוצען דעם אליין-פאראורזאכטען טומעל און האבען אויף פארשידענע אופנים פארזוכט טראבעל. די קאמפלעינטס, וואס מיר האבען ביז איצט געקראגען זיינען געווען פון אן ערנסטען כאראקטער, ווי צום ביישפיל דאס ארויסשיקען פון דאס ביסעל ארבייט, וואס איז געשניטען געווארען, דאס ארויפנעמען און אנשטעלען צו דער ארבייט נים יוניאן לייט, דיסטשארדזש קייסעס, א. ז. וו. אין פילע פעלע האבען די ביידע פארטרעטער פון דער יוניאן און פון דער אסאסיאיישאן זיך ניט געקענט אייניגען, און עס האט זיך געפאדערט אז ביידע צדדים זאלען זיך צוזאמענקומען אין קאנפערענץ, און געבען דער גאנצער לאגע אן ערנסטע און אלזייטיגע באטראכטונג. אזא קאנפערענץ איז פון דער יוניאן געפאדערט געווארען פאר דעם ערשטען אויגוסט. ווען מיר זיינען אבער געקומען צו דער באשטימטער צייט אין פלאץ צו באגעגענען די פארטרעטער פון די באלעבאטים, האבען מיר צו אונזער ערשטוינונג געטראפען בלויז דעם מענעדזשער פון דער אסאסיאיישאן. מיר זיינען אוועק שטארק אומצופרידען, און גלייך געלאזט וויסען דער אסאסיאיישאן, אז מיר באטראכטען זייער האנדלונג אלס אומפאראנטווארטליך, און זיי אויפגעפאדערט צו קומען צו א צווייטען קאנפערענץ אין אונזער אינטערנעשאנאל אפיס. דעם 13טען אויגוסט איז די קאנפערענץ אפגעהאלטען געווארען אונטער דעם פארזיץ פון פרעזידענט זיגמאן. מ'האט זיך דורכגערעדט וועגען אלע קאמפלעינטס, וואס מיר האבען געהאט און אויך איבער די קאמפלעינטס, וועלכע זיינען פארגעלייגט געווארען פון ברודער דובינסקי אלס מענעדזשער פון לאקאל 10. מיר זיינען נים געקומען צו קיין שלום איבער די אלע פראגען וואס מיר האבען פאר זיך געהאט, ווייל עס איז געווארען צו שפעט און א צווייטע קאנפערענץ איז באשטימט געווארען פאר עטליכע טעג שפעטער, ווען מיר וועלען לויט אלע ווארשיינליכקייטען קומען צו א בעסערע פארשטענדיגונג.

דערווייל שלאפט נישט אונזער יוניאן. מיר טוען אלעס וואס מיר קענען אונטער די אומשטענדען, צו מאכען אונזער יוניאן שטארק אזוי, אז דער סיזאן, וואס דארף באלד אנקומען, זאל ברענגען נוצען אונזערע יוניאן לייט. אונזער ארגאניזאציאנס ארבייט, כאטש זי געהט צו א ביסעלע לאנגזאם, מאכט דערפאר גוטען פארשריט. וואס א טאג אלץ מעהר אקטיווע מיידלאך ווערען אינטערעסירט צו דעם ארגאניזאציאנס דעפארטמענט. דאס אליין איז נאך אבער נים גענוג און מיר האבען ארראנדזשירט א גרויסען מיטינג פאר דינסטאג, דעם 21טען אויגוסט, אין אריסטאקראט האל. ביי דיזען מיטינג וועלען מיר אויסארבייטען אונזערע פלענער פאר ווייטערער ארגאניזאציאנס טעטיגקייט. מיר וועלען ביי דיזען מיטינג אויך ארגאניזירען א גרויסע קאמיטע, וועלכע זאל זעלבסטשטענדיג קענען פירען די ארבייט פון ברענגען די נישט יוניאן שעפער אונטער דער יוניאנס קאנטראל.

אלס רעזולטאט פון אונזער ארגאני-

אין די לעצטע עטליכע מאנאטען האבען די ארבייטער געהאט פילעס אויסצושטעהן

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANGFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 33. — New York, Friday, August 17, 1923
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טעטיגקייטען ביי די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן און אומגעגענד

פון א באאבאכטער.

וויימס און דרעסעס.

פאר דעם מיטוואך, אויגוסט דעם 15טען, איז איינגערופען געווארען א ספעשעל מיטינג פון אלע שאפ-טשערליים און פרייז-קאמיטע מעמבערס. דער מיטינג איז א פארזעצונג פון די רעגעלע מאנאטליכע מיטינגען פון די שאפ-טשערליים וואס זיינען אונטערבראכען געווארען צוליב דעם הייסען וועטער.

איצט, אז דער סיזאן פאנגט זיך אן, איז נויטיג צו באטראכטען איינינע פראבלעמען. די ערשטע איז די פראגע פון פרייז-סעטלען. אין דעם פארגאנגענעם ספרינג-סיזאן, א דאנק דעם 10-פראצענטיגען רעיז, וואס אונזערע ארבייטער האבען געקראגען און אויך צוליב די לייכטערע סטיילס, האבען אונזערע בעלי מלאכות פארדינט נאר נישקשה'דיג. אבער מיט דעם אנקומען פון נייע סטיילס, איז אין מאנכע שעפער פאראן שוועריגקייטען. די קלאט-סטיילס זיינען זעהר קאמפליצירט, און מאנכע פון אונזערע פרייז-קאמיטעס, וועלכע האבען נים קיין ערפאהרונג אין סעטלען פרייזען, האבען אזוי זיך אפגענארט, דאס אין געוויסע שעפער האבען די שטיק-ארבייטער פיר וויינינער, ווייל זיי האבען געמוזט קריגען, לויט דעם אגרימענט. דער יוניאן-אפיס האט זיך באנוצט מיט דעם פאראגראף אין אגרימענט, וועלכער גיט דאס רעכט די ארבייטער צו פארלאנגען אן איבערסעטלונג פון די פרייזען, ווען זיי געפינען, אז זייערע פארדינסטע זיינען נידריגער, ווי דער באשטימטער מינימום. און אויף דער פאדערונג פון דער יוניאן זיינען די פרייזען איבערגעסעטעלט געווארען אין די פאלגענדע שעפער: בארא דרעס קא., 78 וואשינגטאן סט. מהאלער און קאהען, 241 טרימאנט סט., קראון דרעס קא., 1160 וואשינגטאן סט.

אין די שעפער האבען די שאפ-מיטינגען אויפגעהויבען די דאזיגע פראגע. אבער מיר רעכענען, אז די ארבייט פון די שאפ-מיטינגען איז אביסעל צו לאנגזאם פאר דעם צוועק. און אויף דעם איצטיגען ספעשעל מיטינג וועלען די טשערליים פון די פרייז-קאמיטעס האבען די געלעגענהייט אנצואווייזען, ווי די דאזיגע פראגע קען בעסער און שנעלער געלייזט ווערען פאר דעם קומענדיגען סעזאן.

די צווייטע פראגע, וואס וועט פארהאנדעלט ווערען אין דער 4 דאלארדיגער טעקס פאר דער אינטערנעשאנאל. ווי באקאנט, האט די לעצטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין קליוולאנד באשלאסען ארויפצולייגען א טעקס פון 4 דאלאר אויף אלע מעמבערס פאר ארגאניזיישאן צוועקען. דיזער טעקס איז באצאהלט געווארען פון אלע לאקאלס, א חוץ לאקאל 49. מיר האבען ביז איצט נים באצאהלט צוליב אונזער דושענעראל סטרייק, און די פינאנסען פון דעם לאקאל זיינען געווען נים קיין זעהר גלענצענדע. אבער איצט, ווען אלעס געהט כשורה, און אונזער לאקאל איז באדייטענד פארבעסערט, איז עס צייט, אז מיר זאלען באצאהלען אונזער חוב צו דער אינטערנעשאנאל. די אינטערנעשאנאל האט אונז אזוי פיל געהאלפען פינאנציעל און אויף אנדערע אופנים. און איצט דארפען מיר טאן אלעס צו העלפען ארגאניזירען די, וועלכע זיינען נאך נים ארגאניזירט. דער עקזעקוטיוו באארד רעקאמענדירט, אז דער טעקס זאל באצאהלט ווערען אין צוויי ראטען, צוויי דאלאר זאל איינגעצאהלט ווערען אין דעם סעזאן, און די אנדערע צוויי נעקסטען סעזאן. און די דריטע פראגע איז וועגען א יוניטי הויז פאר אונזערע מעמבערס פאר דעם נעקסטען זומער. דער עקזעקוטיוו באארד איז איבערצייגט געווארען פון פילע מעמבערס צו טראכטען וועגען א יוניטי הויז. פאר דעם איז באשטימט געווארען א קאמיטע. דיזע קאמיטע האט פיל אינטערעסאנטעס צו רעפארטען.

וואטערפרוף גארמענט ווארקערס, לאקאל 7.

א קאנפערענץ צווישען די באסטאנער דיינקאום מאנופעקטשורערס אסס'ן און אונזער לאקאל וועגען דער באנייאונג פון אגרימענט וואס האט זיך געענדיגט דעם 31טען אויגוסט, האט שטאטגעפונען מאנטאג, דעם 6טען אויגוסט. די קאנפערענץ איז זיך צוגאנגען אויף דעם ערשטען פונקט. אונזער לאקאל האט געפאדערט, דאס ווען א מאנופעקטשורער דארף האבען מעהר ארבייטער, מוז ער זיך ווענדען צו אונזער אפיס. און דאן וועט אונזער אפיס קען נים צושטעלען די נויטיגע ארבייטער, מעג דער מאנופעקטשורער נעמען זיינע ארבייטער אין די רייהען פון אנדערע ארגאניזאציעס. די מאנופעקטשורערס ווירער זיינען באשטאננען אויף דעם, אז זיי זאלען מעגען נעהמען זייערע ארבייטער פון אירגענד וועלכער יוניאן. די מאנופעקטשורערס האבען ערווארט מיט דער דאזיגער פאדערונג צו מאכען א שטיקעל מחלוקה צווישען דעם באסטאנער אפיס פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס און אונזער לאקאל. אבער דאס וועלען זיי נים אויספיהרען, ווייל די פארהעלטנים צווישען די ביידע יוניאנס זיינען זעהר פריינדליכע. ביז איצט איז מעהר קיין קאנפערענץ נים אפגעהאלטען געווארען. און אונזער לאקאל מאכט אלע נויטיגע פארברייטונגען פאר דעם קומענדען קאמף. אויף דעם מעמבער-מיטינג פון דעם 8טען אויגוסט איז אנגענומען געווארען איינשטימיג דער פארשלאג פון דער עקזעקוטיוו באארד צו טעקסען אונזערע מעמבערס פאר א סטרייק-פאנד — 10 דאל. פאר מענער און 6 דאל. פאר פרויען. עס איז אויך באשלאסען געווארען, דאס אלע אונזערע מעמבערס זאלען אפשטעלען די ארבייט דעם 14טען אויגוסט, 4 נאכמיטאג און זיין ביי א מאסמיטינג אין פען כעמפ-יאר האל, וואו עס וועלען געגעבען ווערען די נויטיגע אינסטרוקציאנס פאר דער פיהרונג פון דעם דושענעראל-סטרייק אויב אזעלכער וועט זיין אומפארמיידליך.

די פאלגענדע זיינען די טשערלייט פון די פארשיידענע סטרייק-קאמיטעס: ברודער פרעד מענעסאן, אלס דער הויפט פון דער סטרייק, סעטעלמענט און האל-קאמיטעס. ברודער ה. ווינער וועט אויפפאסען אויף די פיקעטינג קאמיטעס. מ. קאנאוויץ — טשערמאן פון דער האל-קאמיטע. די פינאנץ קאמיטע באשטעהט פון אב. נארימאן, ר. ווינער און לעווי. ברודער ליואן, מענעדושער פון לאקאל 49 וועט פיהרען די פובליסיטי ארבייט פון דעם דושענעראל סטרייק.

מיטגלידער פון די קלאוק-פרעסערס יוניאן, לאקאל 35!

די אדרעסען פון די מעמבערס פון לאקאל 35, וואס ווערען דא געדרוקט, זיינען אלטע אדרעסען, וואס די מיטגלידער האבען אמאל אנגעגעבען. עס איז אבער זעהר נויטיג צו האבען אין אפיס פון דער יוניאן זייערע איצטיגע אדרעסען, און אלע דיזע מעמבערס, וועמעס נעמען עס ווערט דא פארעפענטליכט, ווערען געבעטען אריינצושיקען זייערע איצטיגע אדרעסען. זאלען זיי שיקען דעם אדרעס וואו זיי וואוינען איצט, אין אפיס פון לאקאל 35, 228 צווייטע עוועניו.

לעדושער נומער — נאמען — אדרעס

3584 ס. קלעבאנאף, 396 בריסטאל סט., ברוקלין, נ. י.
8490 מ. קליין, 605 האפקינסאן עוו., ברוקלין, נ. י.
5629 דזש. קאנטאר, 386 דושארדזשיא עוו., ברוקלין, נ. י.
2222 ע. קאפלאן, 760 דושארדזשיא עוו., ברוקלין, נ. י.
368 ה. קאפלאן, 84 הינסדייל סטריט, ברוקלין, נ. י.
93 ל. קאפלאן, 369 שעפיעלד עוו., ברוקלין, נ. י.
5744 א. קאפלאוויטץ, 556 הענדריקס סט., ברוקלין, נ. י.
1603 דזש. קאוסמאן, 3 לוויאנא עוו., ברוקלין, נ. י.
2813 ס. קלעין אליאס קרעמער, 749 וויליאמס עוו. ברוקלין
186 א. קאוואפסקי, 192 ניו לאטס עוו., ברוקלין, נ. י.
12424 מ. קוראוויצקי, 1851 סטערלינג פל., ברוקלין, נ. י.
1507 דזש. קעיס, 152 מעקיבען סט., ברוקלין, נ. י.
1367 דזש. קאנסולאס, 325 מארגאן עוו., בראנקס, נ. י.
3598 ב. קאפלאוויטץ, 2015 קלינטאן עוו., בראנקס, נ. י.
3350 טש. קושנער, 69 אנטאני עוו., בראנקס, נ. י.
11062 טש. קאוואשיק, 311 איסט 8טע סט., ניו יארק, נ. י.
5016 קארל קארפשיטץ, 362 א. 10טע סט., ניו יארק, נ. י.
9603 א. קאפיטא, 26 סאפאלק סט., ניו יארק, נ. י.
8653 מייער קאופמאן, 54 דעלענסי סט., ניו יארק, נ. י.
6625 ס. קאפעלסקי, 134 מאנראע סט., ניו יארק, נ. י.
17101—4705 ל. קלאו, 64 סאפאלק סט., ניו יארק, נ. י.
3637 י. קיסלאוויטץ, 158 סטענטאן סט., ניו יארק, נ. י.
2854 מ. קאושקאווסקי, 275 טשערי סט., ניו יארק, נ. י.
1535 מ. קאללער, 444 גרענד סט., ניו יארק, נ. י.
288 א. קעססלער, 119 קאנאן סט., ניו יארק, נ. י.
1451 מ. לערער, 336 איסט 8טע סטריט, ניו יארק, נ. י.
16883—4459 וו. לעדערמאן, 40 וו. 21טע סט., ניו יארק.
1584 מ. לאופער, 53 ברוק עוו., בראנקס, נ. י
4157 ר. לעסקא, 509 א. 13טע סט., ניו יארק, נ. י.
1560 ב. ליכטערמאן, 402 א. 78טע סט., ניו יארק, נ. י.
12780 סעם לאנדסמאן, 85 א. 107טע סט., ניו יארק, נ. י.
3093 לעמערמאן, 73 א. 105טע סט., ניו יארק, נ. י.
67 וו. לאנדאן, 1160 דושעקסאן עוו., בראנקס, נ. י.
13526 סעם לאסקין, 268 פראספעקט עוו., בראנקס, נ. י.
279 ל. לאפידוס, 170 א. 117טע סט., ניו יארק, נ. י.
6491 וו. לימצינער, 73 א. 7טע סט., ניו יארק, נ. י.
14134 י. לוטענבערג, 178 מאנראו סט., ניו יארק, נ. י.
12700 הערי לאמפעל, 64 גאערק סט., ניו יארק, נ. י.
11920 מ. לעווין, 56 מאנראו סט., ניו יארק, נ. י.
10492 ה. לאקס, 92 גאערק סט., ניו יארק, נ. י.
443 הייסאן לעפקאוויטץ, 204 ס. 7טע סט., מאונט ווערנאן, נ. י.
3700 א. ליווי, 47 מיין סט., האקענסאק, נ. דזש.
5107 ווס. לאנקעוויטץ, 94 אמערסאן, עוו., בעיאן, נ. דזש.
4026 מ. לערער, 61 — 26טע סטריט, ברוקלין, נ. י.
15983—3165 מייק לאיער, 353 בעדפארד עוו., ברוקלין נ. י.
8075 ל. לאנגער, 795 דעקאלב עוו., ברוקלין, נ. י.
218 ס. ליטווין, 110 ליבערטי עוו., ברוקלין, נ. י.
1092 איזידאר לאפידוס, 364 פאועל סט., ברוקלין, נ. י.
13850 דזש. לעינסירער, 19 ניו לאטס עוו., ברוקלין, נ. י.
2044 דזש. לאנדסמאן, 2223 מערמעיד עוו., ברוקלין, נ. י.
13408 וו. ליפשיץ, 2968 וו. 29 סט., קאני איילאנד, נ. י.
16045—3252 דזש. ליסוואוד, 2909 מערמעיד עוו., ברוקלין.
16806—4348 מאט לוסטיג, 3320 מערמעיד עוו., ברוקלין.
2399 י. לאסקאוויטץ, 754 וויליאמס עוו. ברוקלין, נ. י.
2024 מ. לאסער, 261 שעפילד עוו., ברוקלין נ. י.
10808 ל. לעווין, 119 לוויאנא עוו., ברוקלין נ. י.
11395 ל. לינדווארין, 445 הענעמאן עוו., ברוקלין נ. י.
4019 דזש. לעווין 63 שעמעל סט., ניו יארק, נ. י.
17247—4902 דזשעק לעווין, 77 מאנהעטען עוו., ברוקלין.
5015 א. ליגנסמאן, 77 מאנדזשער סט. ברוקלין נ. י.
3641 ל. לעמטער, 368 א. 8טע סט., ניו יארק נ. י.
4210 אב. לאופער 46 פיטט סט., ניו יארק נ. י.
3666 ל. ליבערמאן 4 דזשעקסאן סט., ניו יארק נ. י.
3217 דזש. לערנער, 236 קלינטאן סט. ניו יארק, נ. י.
2097 דזש. לאנדענטהאל, ס. א. האבערפעלד, 108 ריווינגטאן סטריט ניו יארק נ. י.
15365—2094 דזש. לוקאווסקי 125 סטענטאן סט., ניו יארק
1473 דזש. מיטעלמאן, 370 א. 7טעס ס. ניו יארק נ. י.
523 ב. מאכאנעס, 640 איסט 6טע סט. ניו יארק, נ. י.
345 נ. מארקאוו, 98 עוועניו „איי" ניו יארק, נ. י.
13689 דזשאן מאלאקאס, 1317 ווילקינס עוו., בראנקס, נ. י.
5986 א. מאגינאף, 122 איסט 103טעס ס., ניו יארק, נ. י.
3865 אייזיק מאסטער, 1481 מעדיסאן עוו., ניו יארק, נ. י.

14205—83 מ. ל. מאסקאוויטץ, 54 א. 101 סט., ניו יארק.
810 ר. מארגאליס, 163 איסט 137טע סט., ניו יארק, נ. י.
5293 ס. מארקוס, 6 וועסט 118טע סט., ניו יארק, נ. י.
11686 דזש. מארדעס, 342 א. 13טע סט., ניו יארק, נ. י.
16860—4429 מ. מינטץ, 27 סט. מארקס פל., ניו יארק, נ. י.
4429 מ. מינטץ, 27 סט. מארקס פל., ניו יארק, נ. י.
499 מ. מיכאלאווסקי, 76 א. 12טע סט., ניו יארק, נ. י.
12933 מ. מאראנץ, 263 ברום סט., ניו יארק, נ. י.
12348 מ. מעי, 737 ראטגער סטריט, ניו יארק, נ. י.
651—14558 א. מארמער, 349 טהאמפארד עוו., ברוקלין.
1091 מ. מיללער, 400 סעקמען סט., ברוקלין, נ. י.
10382 דזש. מייער, 1823 84טע סטריט, באט בימש, ב'לין.
1277 דזש. מעדרין, 421 ניו דזשוירזי עוו., ברוקלין, נ. י.
13714—5 ס. מאנדעל, 634 א. 15טע סט., ניו יארק, נ. י.
12210 דזש. מילסטעין, 382 א. 10טע סטריט, ניו יארק, נ. י.
17315—4967 הייסאן מיללער, 382 א. 10טע סט., ניו יארק.
4970 נ. מאשעוויטשיק, 307 א. 8טע סט., ניו יארק, נ. י.
17124—4735 אנדריו מאנאטיק, 256 עוו. „איי", ניו יארק.
4662 מ. מאטישעוויטץ, 301 א. 8טע סט., ניו יארק, נ. י.
4176 פאול מעלניק, 640 א. 9טע סט., ניו יארק, נ. י.
8646 מ. מעלטצער, 26 עסעקס סט., ניו יארק, נ. י.
17415—5122 מאקס מעהר, 77 דיווישאן סט., ניו יארק.
17182—4812 סעם מיללמאן, 148 רידזש סט., ניו יארק, נ. י.
16990—4587 הערי מילער, 148 דעלענסי סט., ניו יארק.
4055 טש. מעדוועד, 132 קריסטאל סט., ניו יארק, נ. י.
3434 ל. מושעל, 52 רידזש סט., ניו יארק, נ. י.
1984 לואיס מיללער, 80 לויאיס סט, ניו יארק, נ. י.
1140 ר. מילסטיין, 221 מעדיסאן סט., ניו יארק, נ. י.
13640 ב. נוגיד, 202 בראון פליים, בראנקס, נ.
2992 סעם נאוועמבער, 97 47טע סט., ברוקלין, נ. י.
2516 מ. נאוועמבער, 153 סא. 2טע סט., ברוקלין, נ. י.
13332 דזש. נאייגראדסקי, 1046 משעסטער עוו., ברוקלין.
17359—5052 פרענק נעמעראווסקי, 150 לודלאו סט., נ. י.
3237— דזשאו ניישטיין, 1754 בעטהגייט עוו., בראנקס, נ. י.
1455— דזשייק ניומאן, 550 בוירלי סט., ברוקלין, נ. י.
1944— י. ארענשטיין, 826 קאלדוועל עוו., בראנקס, נ. י.
13535— ס. אסענהוים, 304 ס. 3טע סט., ברוקלין, נ. י.
13543— י. ארינא, 356 משעסטער סט., ברוקלין, נ. י.
15627—2579, מ. אלינדער, 922 סטאון עוו., ברוקלין, נ. י.
3446 — ס. לוראווסקי, 36 עוו. סי, ניו יארק סיטי.
16953—4546, לואיס פלאט, 235 איסט 115טע סט., נ. י.
1464 — ה. פרעסס, 227 איסט 102טע סט., נ. י.
17234—4880, פרענק פראשאסקא, 22 סט. מארקס פל., נ. י.
3950 — י. פאסעמצקי, 360 ס. 40טע סט., ברוקלין, נ. י.
17242—4891, מארדים פערקעל, 174 ס. 8טע סט., ברוקלין.
4229 — ר. פרעסמאן, 578 פראספעקט עוו., ברוקלין.
16874—4445, סעם פינקוס, 381 האווארד עוו., ברוקלין.
4024 — ס. פאראלסקי, 1897 בוירגען סט., ברוקלין, נ. י.
10364 — י. פינעגסקי, 3860 פארק עוו., ברוקלין.
15897—3019, פ. פינקוס, 41 גרענד סט., ניו יארק סיטי.
9247 — דזש. פארנעס, 368 איסט 8טע סט., ניו יארק סיטי.
17333—5019, מארדים פרילוק, 263 מעדיסאן סט., נ. י. סיטי.
15969—3142, ס. ראטהענבערג, 615 איסט 6טע סט., נ. י.
15693—2676, פ. רעשיטזקי, 693 איסט 13טע סט., נ. י.
1632 — ס. רובין, 368 איסט 8טע סט., נ. י.
2619 — א. רוסאק, 75 איסט 17טע סט., סיטי.
4072 — ל. ראפפס, 1420 פראספעקט עוו., בראנקס, נ. י.
13915 — מאיר ראטהשטיין, 115 פעררי עוו., ברוקלין, נ. י.
3020 — דזש. רייגער, 228 איסט 104טע סט., נ. י.
16981—4577, סעם ראזענבערג, 245 איסט 100טע סט., נ. י.
518 — ג. ראשאפסקי, 2517 3טע עוו., נ. י. סיטי.
3748 — מ. רובינשטיין, 350 איסט 118טע סט., נ. י.
3890 — נאטהאן רובינשטיין, 48 איסט 119טע סט., נ. י
2982 — פ. רודענס, 115 איסט 126טע סט., נ. י.
5482 — ד. ראטה, 726 וואלאמבוס עוו., נ. י.
8017 — ע. ראפמאן, 237 איסט 11טע סט., נ. י.
854 — איזידאר רעכיק, 36 סט. מארקס פל., נ. י. סיטי.
12093 — י. רובין, 102 ריווינגטאן סט., נ. י.
13020 — ס. רובינסקי, 316 קארטלאנד סט., האבאקען, נ. דזש.
4091 — מ. ריטש, 128 מארסי עוו., ברוקלין.
3175 — ל. רוטוס, 322 ראדני סט., ברוקלין.
12652 — וו. ריכטער, 223 דיטמאס עוו., ברוקלין.
9976 — פ. ראזען, 42 ליבערטי עוו., ברוקלין.

(שלוס אויף זייט 14).

עדיוקיישאנאל נאטיצען

די עדיוקיישאנאל פראגראם פאר'ן נעקסטען סיזאן.

די טעטיגקייט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר דעם יאהר 1923-1924 ווערט איבערגעגעבען אין א בראשורע פון 32 זייטען, וועלכע איז שוין אפגעדרוקט און ווערט צוטיילט צווישען אונזערע מעמבערס.

אין דער דאזיגער בראשורע ווערט צוערשט ערקלערט דער ציל פון דער בילדונגס-ארבייט פון אונזער אינטערנייישאנאל. דאן קומט א היסטארישער סקעטש, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט אלעס, וואס איז ביז איצט אויפגעטאן געווארען אויף דעם פעלד, ווי אויך די פארם פון מענעדזשמענט און קאנטראל.

עס ווערען אויך דארט געשילדערט אלע קורסען — 36 — וועלכע זיינען געגעבען געווארען אין ענגליש און אידיש, און עס ווערט אויך מיטגעטיילט, דאס פאר דעם קומענדען יאהר זיינען אראנזשירט געווארען לעקטשורס אין איטאליעניש און רוסיש.

די דאזיגע שילדערונג גיט אונזערע מעמבערס א באגריף, וואס זיי קענען ערווארטען אין דער צוקונפט. די קורסען זיינען גאנץ פארזיכטיג פארבערייטעט לויט די באדירפניסען פון אונזערע מעמבערס, און אונזער טעטיגקייטען נעמען ארום אלע גייסטיגע פארערונגען פון יעדער גרופע פון אונזער גרויסע מעמבערשיפ.

עס וואלט געווען זעהר גוט, אז אונזערע מעמבערס זאלען קריגען דעם ביכעל, און אויסקלייבען די קורסען, וואס זיי ווינשען צו שטודירען.

אין דער נעקסטער אויסגאבע וועלען מיר געבען א קורצע שילדערונג פון יעדען קורס.

א קורס אין עקאנאמיע אין דער ארבייטער באוועגונג

פון סילוויא קאפאלד.

אין יוניטי סענטער פון דער אינטערנייישאנאל לייידיס גארמענט וואירקערס יוניאן. — סיזאן 1922-1923.

א שילדערונג פון דעם קורס.

אן ארייינפיהר צו דעם קורס פון 8 לעקטשורס, וועלכע וועלען ערשיינען וועכענטליך אין דער „גערעכטיגקייט.“

מענשען איבעראל פארשען, וואס איז דער מעהר מיט דער וועלט. און זיכער אייך די ארבייטער ווילען וויסען, וואס די צרה איז, ווייל די ארבייטער לײַדען אממעהרסטען פון דעם, וואס קומט פאר. די לערע פון עקאנאמיע קען צושטעלען דעם שליסעל, וועלכער ענטפלעקט דעם ריכטיגען כאראקטער פון אונזערע פראבלעמען.

ווייל די עקאנאמיע האט צו טאן מיט דאס, וואס איז פונדאמענטאל, און זי ציהט די אויפמערקזאמקייט צו דעם סאמע פונדאמענטאלען צוועק פון אלעס, וואס איז אזוי פארפלאנטערט אין דאס, וואס מיר רופען די מאדערנע אינדוסטריע. זי ווייזט, ווי אזוי די אינדוסטריע האט איהרע ווארצלען אין צוויי פאקטען: ערשטענס אין דעם פאקט, וואס דער מענש איז א לעבעדיג וועזען, און, צווייטענס, אין דעם פאקט, וואס פון אלע חיות איז ער די העכסטע. אלס א חיה מוז ער האבען שפייז און די באשיצונג געגען די נאטור, וואס דאס זיינען וואוינונג, קליידער און באהייצונג. אז ניט, שטארבען מיר. און ווייל דער מענש איז א סאציאלע חיה, קריגט ער די אלע נויטווענדיגקייטען דורך די געזעלשאפטליכע טעטיגקייט, דורך א גרופען-אקטיוויטעט.

די דאזיגע גרופען-אקטיוויטעט איז שטארק געשטיגען דורך דעם פאקט, וואס דער מענש, אלס די העכסטע איבער אלע חיות, איז א חיה, וואס באנוצט זיך מיט ווערקצייג. דער ווערקצייג איז די צווייטע זייט פון אונזער מאדערנער אינדוסטריע. אין דער שטענדיגער אויפגאבע צו באפרידיגען זיינע פארלאנגען מיט דער הילף פון ווערקצייג, האט דער מענש געמאכט פארטשריט פון דעם פראסטען שטיינהאקער פון דער אלטער שטיינפעריאדע צו דער אויטאמאטישער מאשין, וואס ווערט געטריבען דורך א נאטור-קראפט. די העכסטע קאמפליצירטע מאדערנע מאשין איז אבער ניט מעהר, ווי א שטארק-פארגרעסערטער, שטארק-ענטוויקעלטער ווערקצייג פון שטיין. עס איז א טייל פון דער פראדוקטיווער סיסטעם, וועמעס ערשטע פונקציע איז די ערשטע פונקציע פון יעדער פראדוקטיווער סיסטעם, און דאס איז די באפרידיגונג פון מענשליכע באדירפניסען.

בויענדיג אויף דעם דאזיגען פונדאמענט, קען אונז די עקאנאמישע לעהרע ווייזען, ווי אזוי די איצטיגע אינדוסטריע האט ניט אלס איהר הויפט-אויפגאבע צו באפרידיגען די מענשליכע באדערפניסע. די מאדערנע אינדוסטריע האט אלס איהר הויפט-צוועק פראפיט. ביזנעס-אונטערנעהמונגען (פראפיט-מאכעריי) און מאשין-פראדוקציאן זיינען גאנץ פארשידענע זאכען.

דיזער קורס וועט פארזוכען צו ווייזען, ווי אזוי די ביזנעס-פיהרונג פון דער מאדערנער אינדוסטריע ארבייט. עס וועט אנגעצייגט ווערען, ווי און וואו געהט פילעס אין ניוועץ. עס וועט אנאליזירט ווערען דער אינטערנאציאנאלער כאראקטער פון דער אינדוסטריע און איהר שייכות צו מלחמה. ענדליך וועלען מיר באטראכטען די פארשידענע פארשלעגע פאר אן עקאנאמישען איבערבוי, וועלכע זיינען געמאכט געווארען, אום צו ברייגען די אינדוסטריע צוריק צו איהר אריגינעלען צוועק צו באפרידיגען מענשליכע באדירפניסע. און מיר וועלען פרובירען צו ערקלערען, וואס פאר א ראלע די ארבייטער קענען שפילען אין דעם דאזיגען איבערבוי.

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

פון פ. ל. ס.

אינפארמאציע פאר די, וואס ווילען אריבערברענגען אהער זייערע פריינד

עס זיינען איינגעשטעלט געווארען געוויסע רעגלען וועגען וויזירען פאספארטען פון פערזאנען, וואס ווילען אריבערברענגען אהער אין די פאראייניגטע שטאטען זייערע קרובים און פריינד. כדי אויסצומיידען א לענגערען אפהאלט, מוזען זיין זעהר פארזיכטיג און אפהיטען די פאלגענדיגע פראצעדור:

א סך פרעמדע, וואס וואוינען איצט אין אויסלאנד און ווילען אריבערקומען אין די פאראייניגטע שטאטען, האבען פריינד און קרובים דא אין לאנד, וואס ווארטען מיט אומגעדולד אויף דעם מאמענט, ווען זיי וועלען זיי קענען אהער אריבערברענגען.

אזעלכע פריינד און קרובים אין די פאראייניגטע שטאטען דארפען שרייבען צו זייערע לייטע אין די פרעמדע לענדער און איבערגעבען זיי און הייסען זיי נאכקומען די פאלגענדיגע רעגלען און אינסטרוקציעס:

1. די פרעמדע אין אויסלאנד דארפען באקומען פאספארטען פון די פרעמדע רעגירונגען, צו וועלכע זיי געהערען.

2. זיי דארפען אט די פאספארטען איבערגעבען פערזענליך צו דעם אמעריקאנער קאמישאנער אדער קאנסולארען באאמטען אין דעם דיסטריקט אין אויסלאנד, וואו זיי וואוינען איצט. אין דעם אפיס פון קאמישאנער אדער פון דעם קאנסולארען באאמטען דארפען זיי אויסמאכען אן אפליקאציע פאר א וויזא, וואס זאל זיי ערלויבען צו פארען אין די פאראייניגטע שטאטען. זיי דארפען מיטנעמען מיט זיך דריי קליינע פאטאגראפיעס און וויזען בריף אדער אפידייוויטס פון פריינד אדער קרובים דא אין לאנד, אנגעבענדיג דערביי אזעלכע דעטאלען, ווי: זייער בירגערשאפט, ווי לאנג זיי וואוינען דא אין לאנד, זייער פארוואנדשאפט צו די אפליקאנטען, דעם עלטער און די בירגערשאפט פון די אפליקאנטען, פארוואס די אפליקאנטען ווילען קומען אין די פאראייניגטע שטאטען, צו די אפליקאנטען קאנען זיך אליין פארזארגען, און וועגען דער פעהיגקייט און ווילינקייט פון דעם קרוב צו זארגען פאר זיי אויף א געהעריגען אופן, ווען זיי וועלען אהער אנקומען.

דאס אויסמאכען דעם פרעמדען'ס דעקלאראציע אדער אפליקאציע קאסט איין דאלאר, און די קאסט פאר דער וויזע איז נייין דאלאר. אט די סומען מוזען פון דעם פרעמדען איינגעצאלט ווערען ביים אמעריקאנער קאמישאנער אדער קאנסולארען באאמטען אין אויסלאנד.

לויט די איצטיגע רעגלען וועט קיין פרעמדער, וועמעס פאספארט טראגט ניט מיט זיך דעם וויזא שטעמפעל פון אן אמעריקאנער קאמישאנער אדער קאנסולארען באאמטען אין אויסלאנד, ניט ערלויבט ווערען אריינצוקומען אין די פאראייניגטע שטאטען. וויזאס דארף מען באקומען פון דעם אמעריקאנער קאמישאנער אדער קאנסולארען באאמטען, וואס איז אם נאהענטסטען צו דעם פרעמדען'ס רעזידענץ פלאץ.

אונטער אט די רעגלען, זיינען די אמעריקאנער קאמישאנערס און קאנסולארע באאמטע אין אלע פרעמדע לענדער אינסטרואירט געווארען אויספיהרליך וועגען דעם, ווי זיך צו באנעהמען מיט אזעלכע אפליקאנטען, וועמען מען דארף געבען וויזאס, און מיט אזעלכע, וועמען מען מוז אין דעם אפזאגען.

עס איז וויכטיג צו באמערקען, אז פערזאנען דא אין לאנד דארפען וועגען אזעלכע פאלען ניט ווענדען זיך צום דעפארטמענט אוו סטייט, נאר די אפליקאנטען אליין זאלען זיך ווענדען דירעקט צו דעם אמעריקאנער קאמישאנער אדער צום קאנסולארען באאמטען אין אויסלאנד.

וואס דער דענווער סאניטאריום טוט פאר זיינע פאציענטען.

איינע פון די וויכטיגסטע פראגען ביי דער לעצטער קאנווענשאן פון דענווער סאניטאריום, איז געווען, וואס זאל מען און וואס קען געטאן ווערען פאר די פאציענטען, וואס געהען ארויס פון סאניטאריום און וועלכע ווילען בלייבען אין דענווער.

עס איז באשלאסען געווארען, אז די פאציענטען זאלען געלערענט ווערען פארשידענע אונשעדליכע ארבייטען, וואס זאלען זיי געבען א מעגליכקייט צו פארדינען זיך אויף ברויט, ווען זיי וועלען ארויס פון סאניטאריום, און עס זאל אויך געזארגט ווערען פאר זיי ווען זיי וועלען זיך נעמען צו דער ארבייט.

דערווייל האט דער דענווער סאניטאריום איינגעארדענט אן אייינבינדעריי, וואו די פאציענטען לערנען זיך און אין דער זעלבער צייט קענען זיי שוין פארדינען פאר זיך א פאר דאלאר. מען זעהט צווישען די איינוואוינער פון דענווער צו קריגען פאר זיי ארבייט, אבער עס איז דא א מורא, אז מען וועט ניט קענען קריגען פאר זיי גענוג, אבער געטאן ווערט אלץ, אז עס זאל זיין ארבייט, וואס זאל זיי געבען א געלעגענהייט צו פארדינען א פאר דאלאר אין דער צייט, וואס זיי לערנען זיך די ארבייט.

און אין דער זעלבער צייט, וואס דער דענווער סאניטאריום זארגט פאר זיינע פאציענטען ווערט געטאן אלץ, אז עס זאל וואס גיכער פארטיג ווערען די נייע ספעציעלע פרויען געביידע. ווי באוואוסט, האט די לעצטע קאנווענשאן פון דענווער סאניטאריום אנגענומען א באשלוס, אז עס זאל וואס גיכער אויפגעבויט ווערען א נייע פרויען געביידע, וואס זאל האבען פלאץ פאר די פילע פרויען פאציענטען, וואס ווילען אריינקומען אין סאניטאריום, אבער פאר וועלכע עס איז דערווייל קיין פלאץ ניטא.

ביישטייערונגען פאר דער נייער געביידע קומען אן פון אלע טיילען לאנד, און אויב עס זאל אזוי ווייטער אנהאלטען איז מעהר זיכער, אז עס וועט ניט נעמען לאנג און די נייע פרויען געביידע וועט זיין אין גאנצען פארטיג.

וואס איז עקס-לאקס?

עקס-לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דאס איז א טשאקאלאד-קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פלאץ פון קאסטאר-איל, בימער-זאלץ, רובארבער, בימער-וואסער, לאקריץ פאודער, באצוקערטע אדער געפארבטע פילען, און נאך פילע אנדערע אלט-מאדישע אפפיהר-מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפשרעקען.

עקס-לאקס איז א טשאקאלאד דורך און דורך. עס איז געשמאק אין טעם און ווירקט געלאסען און נאטירליך געגען אלע פארמען פון מאגען-פארשטאפונג, אהן שמערצען אדער קרעמפפען.

טרייעט א באקס היינט און איבערצייגט אייך.

10, 25 און 50¢. א באקס, אין אלע דראג-סטארס.

דער דורכפאל פון זיג

(פריי נאך דאן בויזן)

(א מאמענט אין דעם לעבען פון א „סטאר"־אקטריסע).

פון נ. ב. לינדער.

(פארזעצונג)

אנדרושעלא און זי פלעגען תמיד הי־
טען איינע דער צווייטער'ס געפיהלען,
ניט באריהרען קיין אינטימע דעליקאטע
פראגען. אנדרושעלא, למשל, פלעגט
קיינמאל פאר איהר ניט רעדען וועגען
דעם פאטער. און ווען ס'איז אמאל
אויסגעקומען אז זי האט געמוזט דער־
מאנען דעם פאטער, האט זי איהם ניט
דערמאנט ווי א קינד דערמאנט געוועהנ־
ליך איהר געליבטען פאטער, איהם ניט
אנגערופען „פאפעטשקא" אדער עפעס
צערטליכעס, נאר פשוט, „דער פאטער
האט געזאגט" אדער „דער פאטער האט
געטאן", הגם אין דעם קינד'ס שטים
האט זיך געפיהלט א הייסע ליבשאפט
צום טאטען, אפילו ווען זי האט איהם
דערמאנט פשוט אלס „דער פאטער".
און באלד נאך אזא געשפרעך פלעגט
אנדרושעלא אנהויבען זיך רויטלען און
תיכף איבערגעהן אויף אן אנדער טע־
מע. זי אליין, די מוטער, פלעגט שוין
דאן געפינען א פאסיגען אויסרייד אנ־
דרושעלא'ן א קוש צו טאן און באלד
פארלעטען דעם שווערליכען איינדרוק
פון א קורצען איבעררייד וועגען פאטער.
און דאס אלץ פלעגט געטאן ווערען מיט
טאקט, געשיקטקייט און מיט געשמאק.

און איצט האט די קליינע אנדרושע־
לא געכאפט און זיך פלוצים אפגעוואכט
א מאן — א פרעמדען יונגנמאן, וואס
האט צו מארגאט'ען קיין שום שייכות
ניט און קיין שום געפיהל פאר איהר...
א שווינער!

וואלט עס געווען ביי זיי אנגעלענט,
ווען זי קומט צו זיי? מארגאט האט א
טראכט געטאן און זיך געענטפערט אין
געדאנק: געווים, זיי וואלטען זיך גע־
פיהלט געשמייכעלט. ער וואלט זיך גע־
פיהלט שטאלץ אויף זיין ווייב'ס בא־
ריהמטער מוטער, און ער וואלט זי פאר־
געשטעלט פאר זיינע פריינד — „מא־
דאם מארגאט טעניסאן, מיין פרוי'ס
מוטער!", און זיי וואלטען זיכער איהר
צוגעמיינט כבוד.

אבער . . . ביי לייטען, אין געוועהנ־
ליכע פאמיליעס, אז א טאכטער האט
חתונה, ווערט זי ניט אינגאנצען אפגע־
ריסען פון דער מוטער. זי דארף דער
מאמע'ס עצה ביים איינשטעלען די נייע
ווירטשאפט. שפעטער קומען ערנסטע־
רע פראבלעמען פון פארהייראטען לע־
בען — די טאכטער „פארגעהט אין
טראגען". זי זוכט דעמאלט די אייביג־
באהילפיגע האנט פון דער מאמע'ן, די
האנט וואס האט איהר אין איהר קינד־
הייט געהאלפען זיך שטעלען אויף די
פיסלאך, געלערענט זי מאכען דעם ער־
שטען טריט. דערנאך ווערט ביי דער
טאכטער א קינד געבוירען. די יונגע
מוטערס זיינען אזוי ניט־געשיקט, שרע־
קעריג, אומערפאהרען — און מע דארף
ווידער דער מאמע'ס הילף. די מאמע
קומט — זי פארפעהלט קיינמאל ניט —
און זי הערשט ווידער. די מאמע
הערשט אומגעשטערט. אלע זיינען איהר
געהארכזאם; דאס ניי־געבוירענע איינ־
קעל (אויף דער באבע'ס הענט וויינט
עס ניט), די יונגע מוטער, און אפילו
דער יונגער פאטער, דער טאכטער'ס
מאן, אלע אונטערווארפען זיך דער על־
טער מאמע'ס הערשאפט...

יא, אזוי געהט עס צו ביי לייטען,
ביי געוועהנליכע מאמעס, אין נארמאלע
פאמיליעס. אבער ניט ביי איהר, ניט
ביי מארגאט טעניסאן. דאס הערליכע
מענשליכע פארגעניגען פון פיהלען אויף
איהר פנים די קליינע ווארעמע פינגער־
לאך פון איהר ערשטען אייניקעל, פון
אנגעשטעקט ווערען מיט דעם שטומען
זינלאזען געלעכטערל פון דעם קליינעם,
פרעהליך־צאפלדיגען נפש'על — דאס
איז ניט פאר קיין באריהמטער אקט־
ריסע. ניין, ניט פאר איהר!...

און טרעהרען האבען זיך פלוצים א
גאס געטאן פון מארגאט'ס אויגען. זי
האט גיך א כאפ געטאן איהר טאשענ־
טיכעל, געוואלט פארהאלטען די טרעה־
רען, אבער זי האט זיך ניט געקאנט
מעהר קאנטראלירען און האט אויסגע־
בראכען אין א געוויין. איהר קאמער־
מיידעל איז צוגעלאפען און דערשראקען
געפרעגט:

„ווייזט איהר עפעס ניט געזונט, מא־
דאם?"

„ניין, ס'איז מיר גארנישט, קעטה־
רין. עס וועט באלד פאראיבערגעהן!"
— האט מארגאט געענטפערט און האט
געמאכט אן אנשטרענגונג זיך צו בא־
רוהיגען.

אט האסטו דיר אן עסק! — האט
מארגאט א טראכט געטאן ווען זי האט
זיך אביסעל בארוהיגט. איצט וועט זי
מוזען אויפ'ס ניי איבערפודערען און
צופארבען דאס פנים, די ברעמען און
די ליפען. אזא מין אנשיקעניש!

עס האט זיך דערהערט א קלאפ אין
דער טיר פון איהר צימער, און דער גע־
הילפס־רעזשיסאר האט איהר געלאזט
וויסען, אז אין פינעף מינוט ארום
איז איהר ארויסטריט.

* * *

די פיעסע וואס איז ספעציעל פון
איהרעטוועגען געשריבען געווארען, און
אין וועלכער זי טרעט אויף היינט צום
ערשטען מאל, איז א „מאדערנע שא־
פונג". מאדערן, פארשטעהט זיך, לויט
דעם באגריף פון בראדוויי. אין אמת'ען
איז דאס א געלונגען שטיקעל זשורנא־
ליסטישע ארבייט, קינציג צוגעפאסט צו
דער נייער אנטדעקונג, אז די פרוי איז
א פרייער מענש. אנשטאט דער צאר־
טער, האלב־אינטעליגענטער פרוי, וואס
שפילט אויף דער פיאנא סענטימענטא־
לע ראמאנסען, האט ליב בלומענטעפ און
לערענט מיט איהר קינד די מארגען־
און אווענט־תפילות, איז די העלדין אין
דער נייער פיעסע — א „מאדערנע
פרוי". פיזיש אזוי שטארק ווי דער
מאן, כמעט פונקט אזוי געשעפטס־פעהיג
ווי ער, מיט אן אייגענעם ווילען און
מיט נאך א גרעסערער אויסדויער־קראפט
איידער דער מאן. דערצו איז זי, פאר־
שטעהט זיך, אויך שעהן, גראציעז און
אפילו חנ'עוודיג. שטארק אין כאראק־
טער, אבער ניט ברוטאל; זעלבסטשטענ־
דיג אין איהרע מיינונגען, אבער ניט
טיראניש — קורץ, א מלאך גבריאל אין
געשטאלט פון א פרוי. אזוי דארף זיין
מארגאט אין איהר נייער ראל.

דער ערשטער אקט שטעלט מיט זיך
פאר א רייכע היים אין איינער פון די
שעהנערע געגענדען אין א פארשטאדט
ארום ניי יארק. דער מאן, דער קאפ
פון דער פאמיליע, האט אין א גרויסער
געשעפטס־אונטערנעהמונג — סתמא,
עפעס א געלט־ספעקולאציע — פארלא־
רען זיין גאנצען פארמעגען. ער איז
קוים ניצול געווארען מיט זיין גוטען
נאמען און מיט זעהר באשרענקטע מיט־
לען צום לעבען. דער זוהן, א בחור פון
א יאהר ניינצעהן, דערקלעהרט העלדיש,
אז ער טרעט ארויס פון אוניווערזיטעט
— ער לערענט אויף אדוואקאט — און
וועט זוכען ארבייט, צו ערנעהרען זיך
אליין און העלפען, מיט וואס ער וועט
קענען, דער פאמיליע. די טאכטער,
איינגער פון'ם ברודער מיט א פאר יאהר,
וועט מוזען אפזאגען איהר טאנץ־לעהרע־
רין, און זי וועט שוין ניט קאנען מעהר
פאהרען זומער — קיין ניופארט, אין
ווינטער — קיין קאליפארניע אדער פלא־
רידע. דאס איז פאר דער יונגער פריי־
לען א שווערער קלאפ. אבער וואס קאן
מען טאן?

די מוטער, א פרוי פון א יאהר
זעקס־און־דרייסיג, און [illegible]ער שעהנע,
זאגט גארנישט וועגען איהרע פלענער
פאר דער צוקונפט. זי האט איינמאל
א געפראוועט א רעד מיט'ן מאן
וועגען דער לאגע און האט אפילו ברעה
געהאט פארצולעגען איינציגע פלענער, ווי
אזוי די לאגע צו פארגרינגערען, האט
מען איהר באלד געגעבען צו פארשטעהן,
אז אין דער געשעפטליכער זייט פון דער
סיטואציע דארף זי זיך ניט מישען. גע־
ווים איז איהר מאן געווען זעהר גוט צו
איהר און האט זיך באנומען זעהר איי־
דעל. ער האט איהר נאר געזאגט: „זאל
דער איצטיגער קריזיס דיך ניט באאום־
רוהיגען, טייערע! דו וועסט בלויז מוזען
א געוויסע צייט לעבען איינגעהאלטען,
זיך אפזאגען פון קאסטבארע פארגעני־
גענס. העלפען אבער צו ענדערען די
לאגע, קאנסט ניט און דארפסט ניט —
דאס איז מ י י ן זאך!" זי האט עס
אויסגעהערט און געשוויגען. עס האט
אויסגעזעהן אזוי ווי זי וואלט צוגעגע־
בען, אז איהר מאן האט רעכט — זי
דארף זיך ניט מישען אין „זיינע"
עסקים; און זי איז געבליבען די זעלבע
שעהנע, גראציעזע ווירטין, וואס האט
ווייטער געפיהרט איהר באלעבאטיש־
קייט. אביסעל איינגעהאלטענער, אבער
שטיל און באשיידען. אזוי געהט די
פיעסע.

אין אן אנדער אקט באקענט זיך
דער צושויער מיט איינער א מיס סמיט,
אן עלטערע מיידעל, וואס איז אנגע־
שטעלט ביי א רייכער פירמע, וואס
פיהרט גרויסע געשעפטען, קויפענדיג און
פארקויפענדיג לאנד און הייזער.

מיס סמיט איז שטארק פארטיפט
אין איהר ארבייט. זי זיצט איבערגע־
בויגען איבער א פאנאנדערגעוויקעלטען
ארכיטעקטארישען פלאן און שטודירט די
צייכנונגען מיט גרויס התמדה. נאר אט
הויבט מיס סמיט אויף איהר קאפ פון
די צייכנונגען, און דער צושויער דער־
זעהט, אז די דאזיגע „מיס סמיט" איז
נאר די שעהנע מוטער וואס מע האט
געזעהן אינ'ם ערשטען אקט! די זעלבע
שעהנע פרוי, נאר ערנסטער, זאכלאזער־
ריגער און נאך שעהנער איידער פריהער.
דער צושויער דערוויסט זיך שפעטער
אויך, אז ארום אט דער „מיס סמיט"
הענגט עפעס א גאנצע געהיימניש: קיי־
נער אין דער פירמע ווייסט ניט איהר
אפשטאמונג און פון וואנען זי קומט.
אבער אלע באוואונדערען די געהיימניס־
פולע מיס סמיט. זיי לויבען איהרע
זעלטענע געשעפטס־פעהיגקייטען און גי־
בען אנצוהערעניש, אז זי האלט איצט
אין דורכפיהרען א ריזיגע לאנד־קאמ־
בינאציע, און אז אויב דאס זאל איהר
געלינגען, וועט די פירמע דערביי „מא־
כען" א שאָל מיט געלט, און דערפון וועט
אויך איהר חלק אליין אנקומען א סומע
פון ארום 150.000 דאלאר.

מיס סמיט'ן געלינגט דורכצופיהרען
די קאמבינאציע, און זי ווערט מיט איינ־
מאל די אייגענטימערין פון א גרויסען
קאפיטאל. דער הויפט פון דער פירמע,
א שעהנער יונגער אלמן, באט איהר אן
זיין נאמען — פראקטיש גערעדט, ער
שלאגט איהר פאר צו ווערען זיין ווייב.
זי איז זיך מודה, אז איהר נאמען איז
ניט סמיט, און זי איז ניט קיין „מיס";
זי האט א מאן און צוויי דערוואקסענע
קינדער, וואס טרויערען נאך זייער מו־
טער, וואס איז פלוצים ערגעץ פאר־
שוואונדען געווארען. און, איצט, אז
איהר מיסיע איז פארענדיגט, מוז זי
צוריקגעהן צו איהר מאן און קינדער.
דער יונגער אלמן בויגט פאר איהר זיין
קאפ און ווינשט איהר גליק. דאס איז
שונד! — וועט איהר זאגען. זאל זיין
שונד. אבער אזוי געהט די פיעסע.

און באמערקען דארף מען, אז מאר־
גאט טעניסאן האט געהאט גענוג טא־
לאנט צו מאכען אפילו אזא אבסורד
אויסזעהן מעהר־ווייניגער נאטירליך.
דעם חלק אנערקענונג, וואס זי פארדינט,
זאל איהר דא געגעבען ווערען.

אין לעצטען אקט קומט די מוטער
צוריק צו דעם הויז, פון וואנען זי איז
פארשוואונדען געווארען מיט זעקס
חדשים צוריק, און וואו איהר מאן און
קינדער האבען גערעכענט, אז זי איז
אדער טויט, אדער זי האט זיי פארראַ־
טען און איז אנטלאפען מיט אן אנדער
מאן. זי קומט צוריק, באוואפענט מיט
א „פעט" באנק־ביכעל און מיט א וויר־
דיגען שמייכעל — און דאס גליק פון
דער פאמיליע שטייגט אריבער אלע גרע־
נ'צען. איהר מאן, איהר זוהן, איהר
טאכטער — אלע קוקען אויף איהר ווי
אויף זייער משיח'ן. זי וועט זיי איצ־
טער אלעמען צוריקשטעלען אויף זייערע
פיס. איהר מאן וועט צוריק באנייען
זיינע געשעפטען מיט דעם פרישען קא־
פיטאל וואס זי האט געבראכט; דער
זוהן וועט צוריק אריין אין אוניווער־
סיטעט און ענדיגען זיין שטודיום; די
טאכטער וועט ווידער אנשטעלען איהר
טאנץ־לעהרערין, און אויפ'ן זומער וועט
זי ווידער פאהרען קיין ניופארט. זי,
די מוטער אליין, האלט זיך איינפאך,
אזוי ווי זי וואלט גאר קיין שום וואונ־
דער ניט באוויזען. אלע ארום איהר
שלינגען איהר יעדעס ווארט, זיי פאל־
גען נאך איהר יעדען קעהר, מיט אויגען
פול מיט ליבע און פארגעטערונג. און זי
באמערקט עס קוים. און ווי טיף עס
ריהרט דער לעצטער מאמענט אין דער
לעצטער סצענע: די אויפגעריכטע פא־
מיליע זיצט ארום טיש, און די מוטער
זאגט ארויס א געדאנק, ווייזט אן ווי
אזוי דאס רואינירטע געשעפט זאל ווי־
דער אויפגעלעבט ווערען. אלע הערען
זיך צו מיט גרויס דרך־ארץ, דער פא־
טער אויך, און אויף אלעמענס פנים'ער
ליגט אויסגעגאסען א יראת־הכבוד פאר
דער פרוי וואס רעדט צו זיי, אזוי ווי זי
וואלט געווען א נביאה. אלע אין וואויל,
אלע זיינען גליקליך. דאס פובליקום אין
טעאטער איז געריהרט ביז טרעהרען, און
דער פארהאנג פאלט לאנגזאם, לאנג־
זאם... אזוי ענדיגט זיך די נייע פיעסע.

* * *

א דאנק איהר ערפאהרונג, איהר גו־
טען זכרון און איהר גוט־קענען אלע
טעכנישע ביהנע־קונצען, האט מארגאט
אפגעשפילט דעם ערשטען אקט זעהר
געלונגען. זי האט אפשר דא און דארט
פארביטען א ווארט, פארפעהלט א
שמייכעל, אבער דאס האט זיך קוים גע־
מערקט; אין אלגעמיין איז דער ערש־
טער אקט פאראיבער שעהן און גלאט.
פון יענער זייט „פוס־ליכט" איז דאס
טעאטער געווען אנגעפילט מיט א ים
פנים'ער. מארגאט'ען האט דאס פיל־
קעפיגע פובליקום אויסגעזעהן ווי איין
פארשוואומענע מאסע. צום ערשטען
מאל אין איהר קאריערע האט דאס פוב־
ליקום, יענעם אווענט, פאר איהר אינ־
גאנצען ניט עקזיסטירט. ארום איהר,
אויף דער ביהנע, זיינען געווען צו־
שטעלט שטיקער מעבעל, וואס האבען
געגעבען דער ביהנע דאס אויסזעהן פון
א גאסט־צימער אין א רייכער היים.

(שלוס פאלגט)

לידער

פון מ. פערלמוטער.

1.

זי קומט אויף א רגע, די פרייד,
און פלאטערט צוריק דורכ'ן טויער.
און שארפער ווערט נאכדעם די לייד
און טרוי'ריגער נאכדעם דער טרויער.

אין אלעמענס הערצער — געוויין,
אין אלעמענס אויגען — דער טרויער,
אונז פרעסט, ווי א ריזיגער שטיין:
דער עלענד, דער גרויער און רויער.

2.

די האק הענגט אונז איבער'ן קאפ,
אזוי ווי מיר ווערען געבוירען.
און פאלט זי אויף איינעם אראפ,
איז ער שוין אויף אייביג פארלוירען.

זיין שכן באגליים איהם, צעמישט,
אין מוח נעהמט וואנזין זיך צינדען.
ביז וואנען דער שטויב־גייסט פארווישט
די שפורען פון לעצטען פארשווינדען...

די קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

די וועלכע האבען געלעזען אין דער „גערעכטיגקייט" די „מינוטס" פון דער דזשאינט באארד האבען זיך געמוזט וואונדערען איבער דעם צושריפט פון לאקאל 9.

לאקאל 9 פארלאנגט, אז א פינישער וועלכער ארבייט אף עטליכע וואכען און ווערט אוועקגעשיקט ווייל דער באס וויל איהם ניט צאהלען דעם סקייל, זאל די יוניאן צווינגען דעם באס צו האלטען איהם און צאהלען דעם סקייל. אז דיזע פארערונג איז לעכערליך און מיר האבען עס ניט געפאדערט איז זעלבסטפארשטענדליך. וואס מיר האבען פארלאנגט אין אונזער צושריפט איז אט וואס: אזוי ווי דער סיזאן איז א שלעכטער און עס זיינען פאראן א סך ארבייטסלאזע, נוצען די באלעבאטים אויס די שלעכטע צייט צו פארניכטען דעם מינימום סקייל. און אט ווי אזוי:

אן ארבייטער, נאך וואכען ארומגע־הענדיג פון שאפ צו שאפ האט מיט מזל זיך דערשלאגען צו א דזשאב. ארבייט ער אף צוויי אדער דריי טעג, רופט איהם צו דער באס און זאגט איהם: מיסטער, אייער ארבייט איז גוט און איהר קאנט דא ארבייטען, נאר אזוי ווי איהר זייט א „סלאָער" קען איך אייך ניט געבען דעם סקייל. אויב איהר ווילט ארבייטען פאר 30 דאלאר א וואך קאנט איהר ארבייטען. כדי דער ארבייטער זאל איינגעהן, דער־צעהלט ער איהם געוועהנליך די ניט־געשטויגענע און ניט געפלויגענע מעשיות, אז ביי איהם ארבייט מען לאנגע סיזאנס און עס וועט אונזער פינישער זיין וואויל און גוט, אויב ער'ט נאר איינוויליגען צו ארבייטען פאר 30 דאלאר א וואך. דער ארבייטער וואלט שוין געווען צופרידען צו ארבייטען אפילו פאר 30. דאלאר, נאר דער באס האט מורא, טאמער וועט די יוניאן אויסגעפינען וועט ער מוזען צאה־לען „בעק פעי" און נאכהער האלטען דעם ארבייטער און באצאלען דעם סקייל שיקט ער איהם נאך א פערמישאן פון מענעדזשער, אז ער ערלויבט איהם צו ארבייטען אונטער'ן סקייל. געוועהנליך קאנען מיר אזא ערלויבניש ניט געבען. קומט אוים דעם ארבייטער צו פארלאזען דעם דזשאב. ווען ער קומט ארויף אויף א צווייטען דזשאב איז ווידער דאס זעל־בע. איך ווייס פון א פינישער וועלכער האט גענומען 62 דאלאר א וואך. ווען זיין באס איז ארוים פון ביזנעס, און ער איז ארויף אויף א נייעם דזשאב האט דער באס איהם געאפפערט 32 דאלער. דיזע לייטע קומען צו אונז מיט טענות: מיר קענען ארבייטען, נאר איהר לאזט ניט. מיר וואלטען זיכער געוואלט דעם סקייל, נאר וואס זאלען מיר טאן אז וואו מיר קומען איז אלץ די זעלבע זאך. דער באס וויל ניט צאהלען דעם סקייל. דער־פאר האבען מיר פארלאנגט, אז ווען אן ארבייטער ארבייט אין א פלאץ אפילו עטליכע טעג — ניט ווי ס'איז געוועזען באריכטעט — עטליכע וואכען — און אויב די ארבייט איז גוט, נאר דער באס שיקט איהם אוועק ווייל ער וויל אז דער ארבייטער זאל ארבייטען אונטער'ן סקייל אין אזא פאל זאל די יוניאן צווינגען דעם באס צו האלטען דעם ארבייטער און איהם צאהלען דעם סקייל און זאל זיך ניט רעכענען מיט דאס רעכט פון דעם באס צו האלטען אן ארבייטער א וואך אויף א טרייל. די וואך־טרייל ווערט גע־געבען א באס, ווייל ער קליימט, אז עס דארף נעמען א וואך ביז מען געפינט אוים צי א בעל־מלאכה טויג פאר'ן פלאץ. איז אויב א באס נעהמ. מאכען א פרייז מיט אן ארבייטער נאכדעם ווי ער האט גע־ארבייט בלויז צוויי טעג, איז דאך א באווייז אז דער ארבייטער קאן מאכען די ארבייט, און ער ווייס אויך די געשווינט־קייט פון דעם ארבייטער, נאר ער וויל „כאפען א בארגיין", ער וויל ניט צאהלען דעם סקייל — אין אזא פאל זאל דער באס זיין געצוואונגען צו האלטען דעם פינישער און איהם צאהלען דעם סקייל.

עס איז אויך ניט ריכטיג איבערגע־געבען געווארען אונזער פארערונג אין בעצוג צו „העלפערס". עס ווערט גע־זאגט, אז „העלפערס" זאלען זיין די וועל־כע נעהען אן באטאנס, און מאכען אנ־דערע טיילען פון גארמענטס, די וועלכע מאכען דעם גאנצען גארמענט זאלען גע־רעכענט ווערען אלס פינישער און קריגען ניט ווייניגער ווי 41 דאלאר א וואך.

עס איז ניט קיין זעלטענהייט, אז אין דרוק זאל געענדערט ווערען דער זין פון א געוויסען זאץ, אבער דא האבען מיר א פאל, וואו דאס געדרוקטע איז דער היפוך פון דאס וואס מיר האבען באמת געזאגט. און ווען מיר נעמען אין אנבאטראכט דאס אונזער צושריפט איז געווען געטייפ־רייטעט און מיר האבען זיך צוגעהערט ווען די „מינוטס" זיינען געלעזען געווא־רען ביים דזשאינט באארד און דארט איז דער צושריפט געווען ריכטיג איבער־געגעבען, פארשטעהען מיר ניט ווי עס קומט אזא טעות?

מיר האבען דייטליך און קלאר אנ־געוויזען אין אונזער צושריפט, אז מ'האט איינגעפיהרט אין די שעפער סעקשאן־ארבייט, אז פינישערס מאכען ניט א גאנצען גארמענט. איינער בעיסט ער־רושעס; א צווייטער — ליינט; א דריטער — מאכט בלומען, א. אז. וו. צוליב דעם איז נויטיג, אז מיר זאלען פעסט־שטעלען ווער עס איז א „העלפער" און ווער — א פינישער. ווייל די באלעבאטים צאהלען ניט דעם „סקייל" צו א סך פי־נישערס, אונטער'ן אויסרייד, אז זיי זיי־נען „העלפערס". דערפאר ווילען מיר פעסטשטעלען, אז א „העלפער" איז נאר דער, וועלכער נעהט באטאנס און פעלט ליינינגס. יעדער אנדערער וועלכער מאכט אן אנדער טייל פון גארמענט, איז בארעכטיגט צום סקייל פון 41 דאלאר.

ווי איהר זעהט, איז דאס גאנץ אנ־דעריש, ווי עס איז געווען רעפארטעט.

און איצט, ווען מיר האבען ערקלערט דעם זין פון אונזער צושריפט, ווילען מיר בעטען סאי אונזערע מעמבערס און סאי די טשערליים, אז זיי זאלען זעהן, אז דער צושריפט, וועלכען די דזשאינט באארד האט, אנב אורחא, אנגענומען זאל ניט בלייבען אויפ'ן פאפיר. לאזט קיין פיני־שער זיך ניט זעצען צו דער ארבייט אהן א ווארקינג קארד פון לאקאל 9. אין דער צייט ווען אונזערע מעמבערס ארבייטען ניט איז א פארברעכען צו לאזען אפילו עטליכע טעג ארבייטען נאן־יוניאן לייט.

די טשערליים, ספעציעל פון די פרא־טעקטיוו שעפער, ווערען אויפגעפאדערט, אז זיי זאלען אונטער קיינע אומשטענדען ניט איינשטימען, אז א פינישער זאל זיך אפשטעלען ארבייטען אונטער'ן סקייל.

זעהר אפט פאסירט, אז ווען מיר מאכען קאמפליינס, אז באלעבאטים צאה־לען ניט דעם סקייל, ברענגען זיי די טשערליים, וועלכע גיבען צו, אז זיי הא־בען געהערט ווי דער באס האט געמאכט דעם פרייז. אויב איהר, טשערליים, קענט ניט העלפען א פינישער קריגען דעם סקייל, דאן מישט זיך איינגאנצען ניט ביים מאכען דעם פרייז פון נייע ארביי־טער, און אויב איהר זייט יא דערביי ביים מאכען פרייזען, טארט איהר ניט צולאזען, אז א פינישער זאל נעהמען ווייניגער ווי זיין סקייל. האט אויך אין זינען, אז בלויז די, וועלכע נעהען באטאנס און פעלען ליינינג מעגען ארבייטען פאר 32 דאלאר א וואך; אלע אנדערע מוזען קריגען ניט ווייניגער ווי 41 דאל. א וואך.

ל. הייטאן, מענעדזשער לאקאל 9.

100 מיינערס טויט אין מיין עקספלאזשאן אין וויאמינג

ווידער א שרעקליכער מאין־אומגליק, דאס מאל אפשר שרעקליכער ווי ווען עס איז פריהער. אין דער „פראנטיער מאין נומער 1" פון דער קעמערער קוילען קאמ־פאניע, איז פארגעקומען אן עקספלאזשאן, און 138 מאינערס זיינען באגראבען געווא־רען לעבעדיגערהייט. בלויז 37 זיינען גע־ראטעוועט געווארען און הונדערט און איי־נער זיינען דערשטיקט געווארען פון גיפ־טיגע גאזען אין די פארשאטענע קארידא־רען פון דער מאין.

די רעטונגס־ארבייט, וואס האט זיך אנגעפאנגען גלייך נאכדעם, ווי דער אומ־גליק האט פאסירט, איז שוין אזוי גוט ווי פארענדיגט. די ארבייטער, וואס האבען אריינגעדרונגען אין דער צושמעטערטער מאין, האבען שוין דורכגעזוכט אלע ווינקעלאך און מעהר ווי 37 לעבעדיגע האבען זיי ניט געפונען. אויפ'ן וועג אין די צובראכענע קארידארען פון דער מאין האבען די רעטער איבערגעצעהלט 70 טוי־טע. וואו די אנדערע 31 זיינען, ווייסט מען נאך ניט. אבער די מאין־בעאמטע גיבען צו, אז ס'איז נישטא קיין שום האפ־נונג, אז די נאך ניט געפונענע 31 מאי־נערס זאלען נאך זיין לעבעדיג. זיי זיינען שוין ווארשיינליך לאנג טויט און ליגען פארשאטענע אזוי, אז מ'זעהט זיי ניט

ארויס און ערשט ווען מ'וועט צו־גראבען
בערגלאך קוילען־שטויב און קוילען־שטי
נער, וועט מען זייערע קערפערס געפינע

אלע מאינערס, וואס זיינען לעבעדי
גערהייט באגראבען געווארען, זיינען פאר
הייראטע מענער. אזוי שנעל ווי די ניי
וועגען דעם אומגליק האט דערגרייכט
זייערע פאמיליעס, זיינען זיך צו דער מא
צונויפגעלאפען זייערע ווייבער און קינ
דער. די סצענעס, וואס האבען זיך דער
אפגעשפילט, זיינען געווען אזוי הארצ
רייסענד, אז ווייטיגע מענשען האבען גע
וויינט ווי קליינע קינדער. פיעלע פון ד
פרויען פון די פארשאטענע מענער זיינע
געווארען היסטעריש, אייניגע פון זיי הא
בען גע'חלש'ט און דאס געוויין און ד
אנגסט־געשרייען האבען געקענט ריהרע
א שטיין.

יעדעס מאל, ווען אן עלעווייטאר אי
ארויפגעקומען מיט געראטעוועטע מא
נערס, האט זיך דער גאנצער עולם א ווארן
געטאן צו זעהן ווער עס איז געראטע
וועט געווארען, האפענדיג צו דערקענע
די אייגענע מענער און די אייגענע טא
טעס. די אנגסט און די פארצווייפלונ
פון די פרויען און קינדער, ווען זיי האבע
געזעהען, אז ניט זייערע זיינען געראטע
וועט געווארען, איז גאר אוממעגליך צ
באשרייבען.

אין דער מאין וואו דער אומגליק האט
פאסירט, ארבייטען געוועהנליך 250 מאי
נערס. דערפאר, וואס מען האט זיך אי
דער מאין שטארק געגרייט צו א רעלי
גיעזען יום טוב, זיינען א סך ניט געגאנ
גען ארבייטען נעכטען, און אנשטאט 250
זיינען אין דער מאין געווען בלויז 138
ארבייטער. דורך אט דעם צופאל האבען
די אנדערע מאינערס אויסגעמידען בא
גראבען צו ווערען לעבעדיגערהייט.

ארגאניזיישאן דעפארטמענט

א. ל. ג. וו. י.

אויפמערקזאם!

די ארבייטער ביי קלאוקס, סוטס, סקוירטס, דרעסעס, ווייסטען און אלע אנדערע ליידיס גארמענטס פון די שעפער ארום ניו יארק ווערען אויפמערקזאם געמאכט, דאס דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט פון דער אינ־טערנעשאנאל האט געעפענט

הייצעהן אפיסעס

— אין —

ניו יארק, קאנעטיקוט און ניו דזשוירזי סטייטס

די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי ליידיס גארמענטס אין די שטעדט און שטעדטלאך פון די דערמאנטע דריי שטאאטען, זיינען געבעטען מיטצוהעלפען דעם אינטערנעשאנאל ארגאניזיישאן דע־פארטמענט. זיי קאנען עס טאן, ווען זיי וועלען ברענגען אינפארמאציע וועגען די אום־אור־טאון שעפער אין דזשענעראל אפיס, אדער אין איינעם פון די בר. אפיסעס, וואס ווערען דא פארעפענטליכט.

די אינפארמאציע וועט צו קיינעם ניט ארויסגעגעבען ווערען. עס וועט געהאלטען ווערען סטריקט פריוואט.

אט איז די ליסט פון אלע אום־אור־טאון אפיסעס:

ברידזשפארט, קאנג.	מעטאל טריידס העדקווארטערס	927 מעין סטרים
נוארק, נ. דזש.	68 ס. אראנדזש עוועניו	מארקעט 4501 — מר. רעיד
	103 מאנטגאמערי סטרים	ווייווערלי 4507 — ברוק
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.	76 מאנטגאמערי סטרים	מאנטגאמערי 2883 — ראזענבערג, שנייד.
לאנג בראנטש, נ. דזש.	114 בראדוויי	לאנג בראנטש 2040 — שנעיד
האקענסעק, נ. דזש.	7 מעין סטרים	האקענסאק 1499־ר — מר. דוראנדו
לאנג איילאנד סיטי, ל. א.	9 דזשעקסאן עוועניו	האנטערס פוינט 0068 — מיניע פאשקיל, שב, ארעמצקי
פליינפיעלד, נ. דזש.		מערי אקאמשיע
ספרינג וואלי, נ. י.	ספרינג וואלע, נ. י.	עליזאבעטה דזשאנסאן
אדאמס, נ. י.	אדאמס, נ. י.	מרס. בריטמאן
קאלטשעסטער, קאנג.	באקס 226	הערי מארין
סטאמפארד, קאנג.	42 סטילוואטער סטרים	אננא לאגארדיא
מאונט ווערנאן, נ. י.	35 סאוט 4טע עוועניו	הילקרעסט 3796 — ל. מאגיא
ניו בראנזוויק,	340 דזשארדזש סטרים	מ. ק. קעיהמע.
פארט עמבאי		

דזשייקאב האלפערין, מענעדזשער.

ליבער, אויב עס וועט ווערער ניט אויס־קלינגען צו קעמפען, איבערהויפט, ווען די ציילען זיינען ניט קיין ווינציגע, און אין די שווער שטעהן די מיט־ישנען שויין, מען ... עסשטעהן א ספק. אויב עס וועט קלינגען צו אן איינ־פארשטענדיגונג, ווישען בעט און ער־בייטער, און אין באסטאן, וואו דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס האט זיך געענדיגט דעם ערשטען חשוון, זיינען געהען אלע סמנים, אז איידער מען וועט קו־מען צו אן אגרימענט, וועט מען זיך מוזען שלאגען, אבער גליקליכערווייזע איז דאס לעצטע אויסגעמידען געווא־רען, און נאך פילע דיפלאמאטישע פאר־האנדלונגען איז דער אגרימענט צווי־שען דער יוניאן און די באסעס באנייט געווארען אויף נאך א יאהר.

*

מיר רעקאמענדירען די האנדלונג פון די באסטאנער קלאוק־מאנופעקטשו־רערס צו אלע אנדערע מאנופעקטשו־רערס, אין אונזערע פארשיידענע צענ־טערס. דאס איז דער קלינסטער און עקאנאמישסטער אופן, ווי צו האנדלען מיט א יוניאן פון אונזער אינטערנע־שאנאל. און אונזערע באסטאנער קלאוקמאכער גראטולירען מיר מיט דעם פאקט, וואס זיי האבען אויסגעפיהרט צו באנייען זייער אגרימענט אהן פילע אנשטרענגונגען, וואס דאס איז דער בעסטער סימן, אז זיי האבען ניט מיט־בריכט דעם פאקט, וואס זיי זיינען גוט ארגאניזירט, און האבען ערפילט עהרליך אלעס, צו וואס זיי האבען זיך פאר־פליכטעט דורך זייער אגרימענט. אמת, די צייט איז ניט קיין זעהר גוטע, ווי דאס איז דער פאל אין אלע אנדערע קלאוק־צענטערס, אבער דעם מוט פאר־לירען דארף מען ניט. פריהער אדער שפעטער וועט זיך דאך אנפאנגען אר־בייט, און ווען דער יאהר וועט זיין פאראיבער, וועלען זיי געפינען, דאס זיי האבען ניט אויסגעמאכט דעם יאהר ווע־ניגער, ווי פאריגען יאהר, און, לויט מיר האפען, וועלען זיי עס האבען באדיי־טענד בעסער.

דער משוגענער קאמף פון די דרעס־מאנופעקטשורערס אין שיקאגא.

און די דרעס־מאנופעקטשורערס אין שיקאגא זיינען נאך אלץ ניט געקומען צום שכל. ניין, ווי עס זעהט אויס, ווערען זיי וואס א טאג נארישער. זיי האבען ווירקליך זיך איינגערעדט, אז זיי קענען שטערען דער אינטערנעשא־נאל דורך אינדזשאנקשאנס צו ארגאני־זירען זייערע ארבייטער אין א פעסטע יוניאן. א שאד, וואס די דרעס־מאנו־פעקטשורערס זיינען אזעלכע קנאפע קע־נער פון דער געשיכטע פון דער ארביי־טער־באוועגונג. ווען יא, וואלטען זיי פארשטאנען, ווי נוצלאז און נאריש עס איז זייער קאמף. לאמיר זיי דא דער־צעהלען עפעס. עס איז געווען א צייט אין איירעפא, ווען א יוניאן פון ארביי־טער איז געווען געזעצליך פארבאטען און איז באטראכט געווארען אלס א נאר גרויסער פארברעכען. און איז איינער געכאפט געווארען אין דעם דאזיגען פארברעכען, האט מען איהם אויף יאה־רען־לאנג ארייננעזעצט אין פריזאן, פארשיקט אין וויסטע מדבריות, פון וועלכע גאר ווייניגע האבען זיך צוריק־געקעהרט. פילע האט מען פשוט גע־שאסען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען די שוידערליכסטע מערדער. אזא שרעק־ליכען קאמף האבען די רעגירונגען פון ענגלאנד און פראנקרייך און פון אנדע־רע לענדער אנגעפיהרט געגען די טרייד־יוניאנס. און דאך, וואס מעהר מען האט די ארבייטער פארפאלגט, געפיי־ניגט, געטויט, אלץ מעהר און פעסטער האבען זיי זיך ארגאניזירט. נאטירליך, ניט אפען, נאר אין געהיים. אבער זיי האבען זיך אזוי פעסט ארגאניזירט ביז אלע געזעצע געגען די ארבייטער־ארגא־ניזאציעס האבען געמוזט אפגעשאפט ווערען, ווייל די מעכטיגע רעגירונגען האבען דערפיהלט זיך צו שוואך צו פיה־רען א קאמף געגען די יוניאנס, וואס זיינען אין געהיים אזוי מעכטיג אויס־געוואקסען.

*

דאס איז געווען נאך גארניט לאנג, מיט א יאהרהונדערט צוריק. איצט איז די ארבייטער־יוניאן איבעראל אן אנער־קענטע מאכט. קעניגע און פרעזידען־טען, צו זיי ווילען, צו ניט, מוזען זיך רעכענען מיט איהר. אמת, וואו ניט וואו געפינט זיך נאך א דזשאדזש, א שקלאף פון קאפיטאל, וואס מיינט מיט אן אינדזשאנקשאן צו שטערען דער יוני־אן אין איהר טעטיגקייט. אבער, ווי ווייניג אין דער אמת'ען קענען די אינ־דזשאנקשאנס עפעס אויפטאן. ניט קו־קענדיג אויף אלערליי אינדזשאנקשאנס, די ארבייטער־באוועגונג וואקסט דאך. דאס וואלט איהר געמעגט באטראכטען, איהר דרעס־מאנופעקטשורערס פון שי־קאגא, און איהר וואלט דאן פארשטא־נען, ווי נאריש איהר מאכט זיך מיט אייער לויפען נאך אינדזשאנקשאנס. גלויבענדיג, אז דערמיט קענט איהר צו־ריקהאלטען אייערע שקלאפען פון אנ־שליסען זיך אן דער יוניאן! איהר ווייסט עס ניט, אבער אין אמת'ען טוט איהר אלעס, אום צו טרייבען וואס גיכער אייערע ארבייטער אין דער יוניאן. געהט אן, אלזא, מיט אייערע אינ־דזשאנקשאנס. רעדט זיך איין, אז איהר קענט פארשפארען דעם ים מיט א שפענדעל. געדענקט אבער, אז ווען דער ים וועט זיך א הויב טאן פון זיינע ברעגען און פארטרינקען אייך מיט זיי־נע שטורמדיגע כוואליעס, וועלכע איהר האט געוואלט איינצוימען, זאלט איהר אויף קיינעם ניט פאראיבעל האבען, ווי נאר אויף זיך אליין.

די טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג

איהר ראליע אין דער ארבייטער־באוועגונג און איהר אמת'ער כאראקטער.

פון מ. פערלשטיין.

(דאס פאלגענדע איז א רעפארט, וואס וויס־פרעזידענט פערלשטיין פון דער אינטערנעשאנאל האט געשיקט צו פרעזידענט מארים זיגמאן וועגען דעם טרייל פון צוויי יוניאן־ברידער — מעמבערס פון דער דזשאינט באארד פון די פאר־שיידענע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין שיקאגא — וועלכע זיינען געווען אנגעקלאגט צו געהערען צו אן ארבייטער־ארגאניזאציע, וואס איז דירעקט פיינדליך צו דער אינטערנעשאנאל און אלע איהרע פאליסיס. וואס די אונטערזוכונג האט ארויסגעבראכט, סיי וועגען די אנגעקלאגטע יוניאן־מיטגלידער און סיי וועגען דער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, און אונזער מיינונג וועגען דעם, דאס וועט דער לעזער געפינען אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער. דא וועט דער לעזער זעהן, וואס וויס־פרעזידענט פערלשטיין דענקט וועגען די אנגעקלאגטע און דער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג. ווי מיר דענקען, איז וויס־פרעזידענט פערלשטיין פאלשטענדיג גע־רעכט, אזוי גערעכט, אז עס איז דאכט זיך אונמעגליך ניט צו זיין איינפארשטאנען מיט איהם. מיר בעטען דארום אונזערע לעזער צו לעזען גאנץ אויפמערקזאם דעם רעפארט זיינעם, ווייל עס איז ווירקליך פון דער העכסטער וויכטיג־קייט פאר דעם לעבען און שטרעבען פון אונזערע יוניאנס, אז אין דעם פונקט זאל הערשען די פולסטע קלארקייט.)

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

איך שיק אייך דא צו דעם סך־הכל פון די טרייעלס פון איזראעל דייוויד־סאן און אלעקס קאנעווסקי, וועלכע זיי־נען געפיהרט געווארען פון א קאמיטע באשטימט פון דעם שיקאגא'ר דזשאינט באארד פון דער א. ל. ג. וו. י.

די טרייעלס זיינען געווען עפענט־ליכע. דער ערשטער פארהער איז פאר־געקומען מיטוואך, דעם 16טען דזשולי. דער צווייטער איז פארגעקומען דינס־טאג, דעם 24טען דזשולי. ביי דעם ערשטען פארהער האבען מיר געהאט א סטענאגראפער פון אפיס, ביים צווייטען א קאורט־סטענאגראפער. און אט וואס עס איז קלאר ארויסגעבראכט געווארען אויף די דאזיגע צוויי פארהערען.

עס איז באוויזען געווארען, דאס די טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג איז אן ארגאניזאציע וואס איז געבויט כמעט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי אונזער אינטערנעשאנאל מיט איהרע אנגעשלא־סענע לאקאלס. זי האט ברענטשעס, וועלכע רעפרעזענטירען אינדוסטריען, וואס ווערען קאנטראלירט פון פארשיי־דענע אינטערנעשאנאל יוניאנס. אין יעדער שטאדט איז דא א ברענטש פון יעדען געוויסען טרייד. אלע דיזע לא־קאלע ברענטשעס פון יעדען טרייד זיי־נען פאראייניגט אין א נאציאנאלען דע־פארטמענט, און דיזע פארשיידענע דע־פארטמענטס זיינען פעדערירט אין א נאציאנאלער ארגאניזאציע, מיט זייערע נאציאנאלע העדקווארטערס אין ניו יארק אונטער דער אויפפאסונג פון נאציא־נאלע באאמטע.

עס איז דא אזא זאך ווי א נאדעל־טרייד סעקשאן, מיינינג־סעקשאן, איי־זענבאהן־סעקשאן און אזוי ווייטער. די נאדעל־טרייד סעקשאן אין שיקאגא איז צוטיילט אין צוויי ברענטשעס, די לײ־דיס גארמענט ווארקערס ברענטש און די ברענטשעס פון אנדערע נידעל־טריידס. די לאקאל־סעקשאנס זיינען געבויט כמעט אויף דעם זעלבען שטיי־גער, ווי די לאקאלס פון אירגענד וועל־כער אינטערנעשאנאל יוניאן, נאר אנ־שטאט צו זיין ארגאניזירט, אלס קראפט־ארגאניזיישאנס, זיינען זיי ארגאניזירט אינדוסטריעל. עס איז גרייליך מעגליך, דאס דער גרונד, ווארום זיי זיינען דער־ווייל ארגאניזירט אינדוסטריעל איז, ווייל מיט איהר גאנצער אגיטאציע האט די טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג נאך ניט דערגרייכט די גרויסע מאסען אר־בייטער. בלויז אן אונבאדייטענדע מי־נאריטעט זיינען אנגעשלאסען אן איהר. עס איז גאנץ זיכער, אז זאל זי ווירק־ליך האבען ערפאלג צו דערגרייכען די גרויסע מאסען, וועט זי זיך ארגאניזירען אויף דעם באזיס פון קראפטס, פונקט ווי דאס איז דער פאל מיט אונזערע לא־קאלס. דער פאקט, דאס די ליג געפינט פאר נויטיג צו צוטיילען די נידעל־טריידס אין פילע ברענטשעס, ווייזט אז זי געהט אין דער דאזיגער ריכטונג. און אזוי וועט איהר געפינען, אז די לאקא־לע ברענטשעס זיינען אין דער ווירק־ליכקייט לאקאלע יוניאנס, און די נא־ציאנאלע דעפארטמענטס זיינען ארגא־ניזירט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די אינטערנעשאנאל יוניאנס, און די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, אלס א גאנצע, איז דער צענטראלער רינג, וואס פאראייניגט אט די אלע דעפארטמענטס, און איז כמעט ארגאניזירט, ווי די אמע־ריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, מיט דעם אונטערשייד, וואס די פארשיידענע דעפארטמענטס זיינען פיל שטארקער פאראייניגט און די אויטאריטעט איז מעהר צענטראליזירט, ווי אין דער א. פ. אוו ל. די לאקאלע סעקציעס פון יעדען ברענטש פון דער אינדוסטריע האבען זייערע נאציאנאלע קאנווענשאנס אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי עס הא־בען זייערע קאנווענשאנס די פארשיי־דענע אינטערנעשאנאל יוניאנס. קאנ־ווענשאנס ווערען אויך אפגעהאלטען אין אלע דעפארטמענטס פון דער סענטראל טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, פונקט ווי די קאנווענשאנס פון דער א. פ. אוו ל.

דאס איז די ארגאניזאציאנס־סיסטעם פון דער טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג סיי לאקאל און סיי נאציאנאל. פא־ליטיש איז די דאזיגע ליג אונטער דעם דירעקטען קאנטראל און פיהרערשאפט פון דער „ווארקערס פארטי אוו אמע־ריקא"; אינטערנאציאנאל איז זי פאר־איינגיגט מיט דעם דריטען אינטערנא־ציאנאל, אדער ריכטיגער, מיט דעם קא־מוניסטישען אינטערנאציאנאל. די הוצאות פון דער ליג ווערען געדעקט דורך בייטרעגע פון די מעמבערס פון דער ליג.

די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג פון דער לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן פון שיקאגא האט איהרע רעגעלע פארזאמלונגען יעדען מאנאט. ווען נויי־טיג, ווערען גערופען ספעציעלע מיטינגס. עס איז ווירקליך ניטא קיין אונטערשייד צווישען זייער טעטיגקייט און דער טע־טיגקייט פון אירגענד וועלכע לאקאלע יוניאנס פון אונזער אינטערנעשאנאל אדער פון אירגענד וועלכען דזשאינט באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, מיט דעם אונטערשייד, דאס איצט צווינגט ארויף די ליג אויף די יוניאנס פארשיידענע אישוס, און האט נאך ניט די קראפט פון געוועלטיגען און דורכ־פיהרען די באשליסע פון די יוניאנס, וועהרענד די לאקאלס און די דזשאינט באארדס פון אונזער אינטערנעשאנאל טוען ביידע, אי זיי פאסען באשליסע, אי זיי פיהרען זיי דורך. די ליג אבער שטופט זיך בישלאכוויז, אום צו זיין בכח אויך איבערצונעהמען די אדמיני־סטראציע, ארויפצווינגענדיג אויף די יוני־יאנס אלס באאמטע איהרע מעמבערס. דער גרונד, ווארום זי קען עס טאן, איז, ווייל זי איז ארגאניזירט פאר דעם צוועק.

די ליג דיסקוטירט און באשליסט איבער אלגעמיינע טרייד־פראגען. זי באשליסט אויך, וואס פאר א שטעלונג עס זאל גענומען ווערען אין פארקומענ־דע פאסירונגען פון דער יוניאן. די מעמבערס פון דער ליג זיינען פארפליכ־טעט צו בויערען פון אינעווייניג פון די עקזיסטירענדע יוניאנס און צו זעהן, אז די פאליסיס פון דער ליג זאלען אויס־געפיהרט ווערען. געוויסע פאליסיס, וואס די ליג צווינגט די יוניאן אנצו־נעהמען, זיינען אזעלכע, וואס זיינען פונקט דער היפוך פון די פאליסיס פון אונזער אינטערנעשאנאל. ווי דאס איז, למשל, די שאפ־דעלעגאטען־סיסטעם.

דאס, וואס די מעמבערס פון דער ליג באהויפטען, אז די ליג איז ארגא־ניזירט געווארען בלויז פאר בילדונגס־צוועקען איז א שווינדעל, און האט נאר דעם ציל אפצונארען די יוניאן־מעמ־בערס. עס זעהט אויס, אז די הויפט־פיהרער פון דער ליג האבען געלערענט פון פריהעריגע ערפאהרונגען; זיי ווייי־סען, דאס די ארגאניזירונג פון אפענע אפאזישאן־יוניאנס איז ניט געווען קיין ערפאלג, מאכען זיי עס איצט אויף אן אנדער שטייגער, אונטער דעם מאנטעל פון בילדונג. די מעמבערס פון יוניאנס זיינען אימער געווען געגען אפאזישאן־יוניאנס, און אום אפצונארען זיי ווערט איצט אן אפאזישאן־יוניאן ארגאניזירט אונטער א קאמפלאזש־נאמען, און, ווי די שלאנגען, פארניפטען זיי שטילער־הייד די סאמע הארץ פון דער יוניאן. די ליג האט אויך איהרע אפיציעלע צייי־טונגען, דעם „לייבאר העראלד", די „פרייהייט" און אזוי ווייטער.

פון די אויסזאגונגען פון די צוויי אנגעקלאגטע האבען מיר אויסגעפונען, דאס די לאקאל ליג פון דער לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אין וועלכער דייווידסאן און קאנעווסקי זיינען זעהר אקטיוו, האט דיסקוטירט און באשלאי־סען איבער פאלגענדע טרייד־פראגען:

1. די רעארגאניזירונג פון דער איצטיגער אדמיניסטראציע אין די יוני־יאנס אויף דעם שאפ־דעלעגאטען סיס־טעם.

2. די פארשיידענע יוניאנס דאר־פען רעארגאניזירט ווערען אויף דעם זעלבען אופן, ווי די טרייד־יוניאן עדיו־קיישאנאל ליג. זיי רופען עס אמאלגא־מיישאן.

3. ביז די אמאלגאמיישאן וועט פארווירקליכט ווערען, זאל דערווייל אויסגעפיהרט ווערען די אמאלגאמיישאן צווישען פארשיידענע לאקאלס, ווייל די ליג איז געקומען צום שלוס, אז אונזער אינטערנעשאנאל האט צופיל לאקאלס, און זיי מוזען ווערען אמאלגאמירט.

4. וואס זאל זיין די סיסטעם פון ארבייט אין די שעפער: וואך־ארבייט, אדער שטיק־ארבייט, אדער סטענדארדס אוו פראדאקשאן? און די ליג האט איהר אייגענע סיסטעם.

5. צי עס זאל זיין א לייבאר־ביו־רא אין די יוניאנס אדער ניט? אויך דאס האט די ליג באשלאסען.

6. ווער זאלען זיין די באאמטע? די, וועלכע די ליג האלט פאר רעאקציא־נער, מוזען געהן. און די, וועמען די ליג האלט פאר פראגרעסיוו, דארפען ווערען די באאמטע.

7. א לייבאר פארטי דארף ווערען ארגאניזירט לויט די געבאטען פון דער ווארקערס פארטי.

8. די ליג האט דיסקוטירט און פארדאמט די אינטערנעשאנאל פאר א געוויסער פאליסי, וואס זי האט אנגע־נומען אין דער צייט פון דעם לעצטען קלאוקמאכער־סטרייק אין ניו יארק, נעמ־ליך פאר ארויסנעהמען אן אינדזשאנק־שאן געגען די באסעס.

9. לויט א רעפארט פון דייווידסאן אין דער „פרייהייט", האט די ליג באַ־שלאסען ניט צו ערלויבען די באאמטע פון דער יוניאן צו האנדלען אין א גע־וויסען סטאפעדזש, וואס האט פאסירט ניט לאנג צוריק, אזוי ווי זיי האבען גע־האנדעלט מיט א יאהר צוריק אין אן עהנליכען סטאפעדזש.

10. די ליג האט באשלאסען צו פארבאהאלטען פאר דער יוניאן די נע־מען פון איהרע מעמבערס, אויך די נע־מען פון איהרע באאמטע.

פון דעם דאזיגען קורצען סך הכל קענט איהר גאנץ גוט זעהן, דאס די ליג טוט די זעלבע ארבייט, וואס די יוניאנס, און דאס די ליג איז ווירקליך אן עקא־נאמישע ארגאניזאציע, וואס איז אנגע־שלאסען און געפיהרט פון דער קאמו־ניסטישער פארטיי אין אמעריקא און פון דעם דריטען אינטערנאציאנאל. איהר וועט זעהן, אז די ליג איז ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי אן אפאזי־שאן־יוניאן, וואס האט זיך געמאכט פאר איהר אויפגאבע בישלאכוויז, בישלאכ־וויז צו פארנעהמען דעם פלאץ פון אונ־זער יוניאן.

דער לעצטער באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל זאגט קלאר, דאס מעמ־בערס פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע זיינען מעמבערס פון אירגענד וועלכער ליג אדער פון אירגענד וועלכער ארגא־ניזאציע, וואס טוט די ארבייט פון דער יוניאן, מוזען זיך צוריקציהען פון אזעל־כע ליגס אדער ארגאניזאציעס, אדער זיי קענען ניט מעהר בלייבען מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. עס איז קלאר באוויזען געווארען, דאס די טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג איז ווירקליך די ארגאניזאציע, אויף וועלכער דער בא־שלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז ווי אנגעמאסטען. זי איז אן ארגאניזירטע אפאזיציע. זי טוט די ארבייט, וואס אונזערע יוניאנס דארפען טאן. און דערפאר מוזען די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל אדער צוריק־ציהען זיך פון דער ליג, אדער זיי הערען אויף צו זיין מעמבערס פון דער אינ־טערנעשאנאל.

דער באוויז, אז די פרעטענזיע פון דער ליג צו זיין בלויז אן ערציהונגס־ארגאניזאציע איז א שווינדעל, איז ארויסגעקומען זעהר קלאר פון דער פאל־גענדער פראגע, וואס איך האב געשטעלט צו דייווידסאן און פון זיין ענטפער אויף איהר.

פ ע ר ל ש ט י י ן: לאזט מיר אייך אט וואס פרעגען, דייווידסאן. איהר זיינט איינער פון די אנגעקלאגטע. און די פראגע, וואס איך וועל אייך

(שלוס אויף זייט 13.)

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 33. New York, Friday, August 17, 1923
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

אונזערע שונאים פון דרויסען און פון אינווייניג.

אין דער איצטיגער צייט, ווען עס האנדעלט מיט אינדזשאנקשאנס אויף אונזער אינטערנעשאנאל אין פארשיידענע שטעדט, און ווען אלע אונזערע כחות האבען באדארפט זיין אנגעשטרענגט אום צו וועהרען זיך פאר אונזער לעבען, פאר אונזער עקזיסטענץ; אין דער איצטיגער צייט, ווען די לאגע אין אלגעמיין אין אונזערע אינדוסטריען איז ווייט, ווייט ניט קיין גוטע, אזוי דאס גאר פילע ארבייטער פרעגען ממש מיט פארצווייפלונג: ווען וועט זיך שוין אנפאנגען דער סיזאן? ווען וועט שוין קומען די צייט, ווען זיי וועלען קענען קומען אהיים, צו זייערע פרויען און קינדער, מיט א פאר דאלאר קעש? אין דער איצטיגער צייט, ווען עס איז ניט אזוי די פראגע פון ווערען אלץ שטארקער און שטארקער, נאר ווי אויפצוהאלטען דאס, וואס איז אויפגעבויט געווארען; אין דער איצטיגער צייט וואלט זיך זעהר ניט געוואלט ריידען פון דעם עלעמענט אין דער יוניאן גופא, וועלכער טוט זיין ערגסטעס צו שטערען איהר אין איהר גרויסען לעבענס-קאמף. מיר וואלטען געוואלט זיך איינריידען, אז זייער מאכט, זייער איינפלוס אויף דער גרויסע מאסע איז פון קיין באדייטונג, פון קיין האפט, און דערפאר ווארום פארלירען א ווארט וועגען זיי? אבער מיר קענען עס ניט. און טאקע דערפאר, ווייל מיר לעבען דורך א שלעכטע צייט, דערפאר איז דער דאזיגער יוניאן-צושטערענדער עלעמענט העכסט-געפעהרליך. פאר זיי איז דאך די שלעכטע צייט אין דער יוניאן זייער גלענצענדע געלעגענהייט! ווען קענען זיי ערווארטען צו געפינען דעם מינדעסטען געהער ביי די ארבייטער, אויב ניט דאן, ווען עס איז זיי ביטער אויפ'ן הארצען, ווען זיי געהען שוין ארום א צייט אהן ארבייט, עלענד און פארצווייפעלט?

☘

אין דאס איז דאס טראגישסטע אין דער געשיכטע, וואס האט זיך די לעצטע צייט אפגעשפילט אין שיקאגא. לאמיר דאס איבערגעבען אזוי קורץ, ווי מעגליך: מייער פערלשטיין, וויס-פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, ווערט מיט איינינע מאנאטען צוריק אויסערוועהלט פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל אלס דער פיהרער פון א גרויסען ארגאניזיישאן-קעמפיין אין שיקאגא אין אין אנדערע שטעדט אין דער וועסט. ער, ענערגיש ווי ער איז, נעהמט זיך צו דעם מיט אלע זיינע כחות. ער וויל ניט וויסען פון קיינע אינערליכע פאליטיקס, פון קיינע „רעכטע", פון קיינע „לינקע". פאר איהם זיינען אלע יוניאן-לייט, און דער בעסטער יוניאן-מיטגליד איז פאר איהם דער, וואס וועט צושטעהן צו דעם גרויסען קעמפיין פון ארגאניזירען די ניט-ארגאניזירטע, פון מאכען שטארקער און פעסטער אלע אונזערע יוניאנס אין שיקאגא. און די ארבייט איז א גרויסע, א וויכטיגע, אזא, וואס קען באגייסטערען יעדען, וואס איז א ווירקליכער יוניאן-מאן. טאמער פעהלט איינעם די גאנצע נויטיגע באגייסטערונג, ווערט זי ארויסגערופען דורך די פארפאלגונג פון די קאורטס, וואס ארבייטען אווערטיים אום צו דעמאראליזירען אונזערע כחות. דאכט זיך, אין אזא צייט, אין אזא קעמפיין דארפען פארשווינדען אלערליי פאליטישע און אנדערע מיינונגס-פארשיידענהייטען, און אלע האבען באדארפט מיט אלע זייערע קרעפטען, מיט דעם גאנצען פייער פון זייערע נשמות ארבייטען פאר די אלגעמיינע גרויסע אויפגאבע פון אויפהאלטען די מאכט פון דער יוניאן געגען די אטאקען פון איהר נאטירליכען שונא, דעם באס, דעם עקספלואטאטאר. צום סוף ווייזט זיך נאר ארויס, אז דער באס, דער עקספלואטאטאר האט זיינע שותפים אין א גאנץ באדייטענדער צאהל מיטגלידער פון דער יוניאן גופא, מעהר נאך, ניט נאר אין מיטגלידער פון דעם געוועהנליכען שנית, נאר אין יוניאן-באאמטע — די העלפען דעם עקספלואטאטאר צו מאכען די יוניאן אלץ שוואכער, און ברודער פערלשטיין, וואס האט פאר זיך אזא מורא'דיג שווערען קאמף געגען דעם באס, דעם עקספלואטאטאר, מוז אין דער זעלבער צייט אפגעבען א טייל פון זיין צייט, פון זיינע כחות, אום צו קעמפען געגען אן עלעמענט, וואס האט באדארפט שטעהן זייט ביי זייט מיט איהם און העלפען איהם. איז דאס ניט אכת טרויעריג?

☘

באטראכט נאר פאלגענדעס. איהר ארבייט אין אן ארגאניזאציע, וואס האט איין שטרעבען, איין ציל: צו באקעמפען דעם אויסערליכען שונא. איהר מוזט פיהלען אייער צוטרוי צו אלע, וואס געהערען מיט אייך צו איין ארגאניזאציע, אז ניט, קענט איהר מעהר ניט מיטקעמפען. אייערע הענד, אייער ענערגיע איז פאראליזירט. איהר באטראכט זיי, אין מוזט זיי באטראכטען, אלס אייערע חברים, אלס אייערע מיטקעמפער. איהר טיילט זיך מיט זיי מיט אייערע פריידען און ליידען. מיט אמאל דערוויסט איהר זיך, אז די דאזיגע מענשען, וועמען איהר האט געהאלטען פאר אייערע ברידער, זיינען אין דער אמת'ען אייערע שונאים; אז זיי פאראכטען אייך, אז זיי ווארטען נאר אויף דער מינוט, ווען זיי זאלען אייך קענען אריינשטעכען א מעסער אין רוקען; אז אין אלץ, וואס זיי טוען, האבען זיי ניט אין זינען דעם גליק און וואוילזיין פון דער ארגאניזאציע, וועלכע האט זיי פארטרויט מיט פארשיידענע עמטער, נאר זיי זיינען נאר אגענטען, ווערקצייג פון אן אנדער ארגאניזאציע, וועמעס איינציגער ציל איז די פארניכטונג, די צושטערונג פון אייער ארגאניזאציע, ווי זי איז, און פאר וועמעס אויפבויאונג איהר האט אוועקגעגעבען א גאנץ לעבען. שטעלט זיך נאר אויף א מאמענט אין דער לאגע פון אזא מענשען, וואס איז געקומען צו בויען, צו העלפען טאן גרויסע ארבייט, און אין מיטען דערינען געפינט ער, אז די, אויף וועמעס מיטווירקונג ער האט געהאפט, און מיט פולען רעכט, ווייל זיי זיינען ניט נאר געוועהנליכע מיטגלידער פון דער יוניאן, נאר איהרע באאמטע, זיינען אין דער אמת'ען נאר זיינע ביטערסטע געגנער; אז הינטער די פלייצעס פון דער יוניאן האלטען זיי אפ געהיימע מיטינגען, אויף וועלכע עס ווערען באשלאסען די אנגעלעגענהייטען פון דער יוניאן; אז אין אלץ, וואס די מענשען טוען, פיהרען זיי נאר אויס די באפעהלע פון אן ארגאניזאציע, וואס איז באמת א טויט-שונא צו דער יוניאן; און דאס אלעס פאסירט אין סאמע ברען פון קאמף געגען דעם באס, דעם עקספלואטאטאר, און זיין משרת, דעם איינדזשאנקשאן - דזשאדזש. דער גרויסער כח, וואס האט געזאלט אויסשליסליך געווידמעט ווערען צו דעם דאזיגען קאמף, מוז ווערען צוטיילט און צושפאלטען, אויב ניט ביז צו א געוויסען גראד אין גאנצען פאראליזירט — שטעלט זיך דאס אלעס פאר, און איהר וועט פארשטעהן, ווי עס מוז פיהלען ברודער פערלשטיין, וויס-פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און ווי עס מוז פיהלען אונזער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער האט אזוי פעסט באשלאסען צו טאן אלעס אין זיינע כחות פאר די ארגאניזירונג פון אלע ארבייטער אין אונזערע אינדוסטריען אין שיקאגא.

☘

געוויס וועט אט דער דאזיגער יוניאן-עלעמענט, וועמעס ארבייט איז צו צושטערען, צו העלפען דעם באס געגען דער יוניאן, ארויסגעטריבען ווערען מיט שאנדע פון דער יוניאן. אונזער אינטערנעשאנאל וועט ניט דערלאזען די דאזיגע ווערים צו בלייבען אין דער יוניאן, און איהר אונטערגראבען פון אינווייניג. אבער, עס איז דאך שרעקליך, וואס גראדע אין דער איצטיגער צייט, ווען יעדער אונץ ענערגיע וואלט באדארפט אנגעווענדעט ווערען אויף דער גרויסער ארבייט פון בויען, מוז מען האבען צו טאן מיט אלערליי שרצים ורמשים אין דער יוניאן, וועלכע וויקלען זיך איין אין דעם מאנטעל פון פראגרעסיוויזם, אידעאליזם, אום צו שטערען ווי ווייט מעגליך דער יוניאן אין איהר גרויסער ארבייט.

☘

א זעהר, זעהר אונאנגענעהמע ארבייט, אבער אפילו ווען זי זאל זיין טויזענד מאל אונאנגענעהמער, מוז זי געטאן ווערען, און אזוי גרינדליך, ווי נאר מעגליך. ווארים, ווי געפעהרליך עס איז דער שונא פון אינווייניג, אבער דאך איהר קענט איהם, און איהר פיהרט געגען איהם אן אפענעם קאמף. זייט איהר היינט שוואך, און מוזט דעם קאמף אויפגעבען, קענט איהר אבער באלד פיהלען זיך שטארק גענוג און איהם באקעמפען. ניט דער ערך געפעהרליכער אבער איז דער אינערליכער שונא, דער, וועלכער איז כלומרשט אייער פריינד, אייער ברודער, און דאך טראגט ער געגען אייך מארד אין הארצען, און איז אימער בארייט צו באפאלען אייך פון הינטען.

☘

אזעלכער איז דער זאגענאנטער ליגקער עלעמענט, וואס האט זיך איינגענאריעט אין די שיקאגא'ער יוניאנס און אין זיין סאמע צענטראלער קערפערשאפט, דעם דזשאינט באארד פון די שיקאגא'ער יוניאנס. נאך א לאנגער גרינדליכער אונטערזוכונג איז עס קלאר געווארען, אז דער סעקרעטאר פון דעם דזשאינט באארד, א געוויסער דאווידסאן, איז פראקטיש געווען דער אגענט פון דער ארגאניזאציע, וואס געהט אונטער דעם נאמען „די טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג". עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די ביזנעס-אגענטען זיינען צוערשט ערוועהלט געווארען פון דער דאזיגער ליג, און אז צו א י ה ר האבען זיי עס באדארפט אפגעבען דין וחשבון פאר זייערע מעשים. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די גאנצע פאליסי פון דער יוניאן איז באשטימט געווארען ניט אויף די מיטינגען פון דזשאינט באארד, נאר אויף די קאקוס-מיטינגען פון דער ליג. בקיצור, עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער דזשאינט באארד, די קערפערשאפט, וואס דארף דאס זיין דער סאמע לעבענס-נערוו פון אלע אונזערע יוניאנס אין שיקאגא, איז אליין ניט געווען מעהר, ווי א ווערקצייג פון אן ארגאניזאציע, וועלכע איז אויסגעשפראכען פיינדליך צו אונזער ארגאניזאציע מיט אלע איהרע אויפטואונגען און שטרעבונגען, אן ארגאניזאציע, וואס, כאטש זי געהט אונטער דעם נאמען „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג", איז אבער איהר אמת'ער ציל צו פארנעהמען דעם פלאץ פון אונזער יוניאן, אזוי, דאס זי איז ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי אן אפאזישאן-יוניאן.

☘

פארשטעהט זיך, אז ווען זי וואלט געווען אפען און אויסגעשפראכען אן אפאזישאן-יוניאן, וואלט זי ניט געווען פון קיין באדייטונג. ווייל די גרויסע מעמבערשיפ האסט דעם געדאנק פון אן אפאזיציאנס-יוניאן. די אמאליגע אפאזיציאנס-יוניאנס, וואס מען זאל ניט זאגען וועגען זייערע צילען, אבער זיי זיינען געווען עהרענהאפט גענוג צו פיהרען אן אפענעם קאמף. ניט אזוי די זאגענאנטע „טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג". די געהט אונטער דער מאסקע פון א כלומר'שטער ערציהערין פון די יוניאנס, אבער איהר אמת'ער כאראקטער איז ניט קיין אנדערער, ווי פון אן אפאזישאן-יוניאן. איהרע נארישע און זעהר אפט געוויסענלאזע אגענטען האט זי אין די יוניאנס, און די טוען אלעס אין זייערע כחות, אום צו אונטערגראבען זיי פון אינווייניג. דאס איז פאר אונז קלאר געווארען פון דעם סטענאגראפישען רעפארט פון דער אונטערזוכונג, אזוי, דאס עס קענען גאר קיין צוויי מיינונגען ניט זיין וועגען דער גאנץ שענדליכער ראליע, וואס עס האבען געשפילט אין דעם דזשאינט באארד די צוויי אנגעקלאגטע, דייווידסאן און קאנעווסקי, און אויך וועגען דעם אמת'ען כאראקטער פון דער דאזיגער „טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג", און פון רעסטוועגען האט די קאמיטע, וואס איז דאס באשטימט געווארען צו זיין די ריכטערין אין דער פראגע האט ניט געקענט איינשטימען אין איהר אורטייל, און די מאיאריטעט פון דער קאמיטע האט געפונען די אנגעקלאגטע ניט שולדיג, און די טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג פאר אן ארגאניזאציע, וואס האט בלויז אלס איהר ציל צו פראפאגאנדירען געוויסע פראגרעסיווע אידעען אין דער יוניאן. דאס מאכט די לאגע פיל ערנסטער. דא האבען מיר שוין ניט צו טאן בלויז מיט צוויי יוניאן-באאמטע, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען אלס פאררעטער צו זייער יוניאן, נאר א מאיאריטעט פון דער קאמיטע, וועלכע איז אויסערוועהלט געווארען צו געבען איהר עהרליכען אורטייל, האט געגען אלע ארויסגעבראכטע פאקטען סיי געגען די אנגעקלאגטע און סיי געגען דער פאלשקייט פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, ערקלעהרט זיי פאר אונשולדיג.

☘

דאס צייגט קלאר, אז דער גייסט פון יוניאן-צושטערונג איז אריינגעדרונגען אין מאנכע יוניאנס אין שיקאגא פיל טיפער, ווי אימיצער פון אונז האט זיך פארגעשטעלט. געוויס וועט די אינטערנעשאנאל מיט דעם דאזיגען אנטי-יוניאן עלעמענט נאך גיך פארטיג ווערען. דער פאקט איז, דאס דער דזשאינט באארד אין שיקאגא האט געגעבען זיין פולסטע צושטימונג צו דעם מינאריטי-רעפארט, וועלכער באטראכט די טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג פאר א פארמאסקירטע אפאזיציאנס-יוניאן און די אנגעקלאגטע פאר שולדיג אין פערראט פון דעם צוטרוי, וואס די יוניאן האט זיי געשענקט, סיי אלס מיטגלידער און סיי אלס יוניאן-באאמטע. דאס נאטירליך מיינט, אז די דאזיגע יוניאן-ברעכער קענען שוין קיינמאל קיין שטעלע אין דער יוניאן ניט האבען. אבער דאס איז ווייניג, און די אינטערנעשאנאל קען ניט און וועט ניט דערמיט צופרידען זיין. די אינטערנעשאנאל וועט דעם קאמף ניט אויפגעבען אזוי לאנג, ווי עס וועט בלייבען נאר איינער אין א יוניאן, וואס זאל נעהמען זיינע אינסטרוקציעס פאר די פיהרונג פון דער יוניאן פון מענשען אדער ארגאניזאציעס, וועלכע האבען מיט דער יוניאן קיין געמיינשאפטליכעס, אונטער וועלכע צילען, אידעאלען און אלערליי הויכע פרעטענזיעס זיי זאלען זיך ניט פארשטעלען. פונקט, ווי עס קען ניט געמאלט זיין קיין אמת'ע ארבייטער-יוניאן, וועלכע זאל נעהמען איהרע אינסטרוקציעס פון אירגענד וועלכען באס אדער אסאסיאיישאן פון באסעס, אזוי קען אויך קיין אמת'ע יוניאן ניט פיהרען זיך, לויט די אינסטרוקציעס און פראגראמען פון מענשען און ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען אין גאנצען אויסער דער יוניאן. און דערפאר קען ניט טאר ניט, ניט בלויז לויט דער קאנסטיטוציע, נאר לויט דעם געזונדען מענשען-פארשטאנד, א מעמבער פון דער יוניאן זיין גלייכצייטיג א מעמבער פון א צווייטער ארגאניזאציע, וועלכע, כאטש זי מעג זיך פארבאהאלטען הינטער א שעהנער פראזע, איז אבער אין דער אמת'ען ניט מעהר, ווי אן אפאזיציאנס-יוניאן.

דער סאב-מאנופעקטשורערס סטרייק אויסגעמידען.

מיר קענען נאך ניט, בעת די ציילען ווערען געשריבען, געבען אונזערע לעזער אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי אונזער אינטערנעשאנאל האט פאר דערווייל אפגעהאלטען דעם פארזוך פון די סאב-מאנופעקטשורערס צו מאכען א סטאפפעדזש געגען די דזשאבערס, וועלכע האבען ווירקליך אום צו קריגען זייער ארבייט געמאכט מיט עטליכע סענט ווייניגער, אומגעגליך געמאכט פאר דעם סאב-מאנופעקטשורער, וואס האט געהאט א ריכטיגען יוניאן-שאפ, צו עקזיסטירען און צו פיהלען זיך ווירקליך אלס מאנופעקטשורער. עס קען זיין, אז אויף אן אנדער פלאץ אין דער צייטונג, נאך אין דעם נומער, וועלען מיר קענען ערקלעהרען, וואס אונזער פרעזידענט זיגמאן האט אויסגעפיהרט, און ווי. דערווייל זאל זיין גענוג צו זאגען, אז עס איז מעהר, ווי זיכער, דאס דער געסטראשעטער סטאפעדזש איז פארמידען געווארען.

☘

דער איצטיגער סטאפעדזש, ווען ער וואלט אויסגעפיהרט געווארען, וואלט געווען אן אונגליק פאר אונזערע טויזענדע יוניאן-מיטגלידער, וואס ווארטען מיט אזא אונגעדולד אויף דעם אנקומענדען סיזאן, און וואלט אויף די סאב-מאנופעקטשורערס קנאפ-וואס געהאלפען. מעהר ניט, די צאהל פון די ניט-יוניאן שעפער וואלט באדייטענד פארגרעסערט געווארען, און דער קאמף געגען דעם דזשאבער וואלט דורך דעם געווארען נאך פיל שווערער. כדי צו קאנטראלירען דעם דזשאבער, און מאכען איהם ווירקליך פאראנטווארטליך פאר זיינע ארבייטער, אזוי ווי ער וואלט געווען דירעקט דער מאנופעקטשורער, מוז אויסגעארבייט ווערען א גאנץ גרינדליכער פלאן, מיט וואס אונזער אינטערנעשאנאל איז פארנומען שוין זייט די לעצטע עטליכע מאנאטען, און וואס וועט מוזען אויסגעפיהרט ווערען ביי דעם שליסען פון דעם נייעם אגרימענט מיט די דזשאבערס. נאר דער ניי-אויסגעארבייטער אגרימענט וועט ברענגען די דזשאבערס אונטער א ריכטיגען קאנטראל, און דאס וועט מאכען א סוף צו דעם איצטיגען כאאס אין אונזער קלאוק-אינדוסטריע. אבער מיט אזא סטאפעדזש, ווי דאס האבען די סאב-מאנופעקטשורערס געפלאנעוועט, וואלטען זיי גארניט אויסגעפיהרט. נאטירליך, פארדענקען מיר ניט די סאב-מאנופעקטשורערס פאר זייער פארזוך. זיי האבען געוואלט זיך ראטעווען. אבער עס איז דאך כאראקטעריסטיש פאר אונזערע סאב-מאנופעקטשורערס, דאס, שפינענדיג זייער סטאפעדזש-פלאן, האבען זיי אן די טויזענדע און טויזענדע ארבייטער בשעת מעשה נאר פארגעסען, און דאס עס איז געווען אונזער אינטערנעשאנאל, וואס האט זיי געמוזט דערמאנען אן דעם.

נאך א יאהר פרידען גאראנטירט אין דער קלאוק-אינדוסטריע אין באסטאן.

געוועהנליך, אז עס געהט אויס אן אגרימענט צווישען דער יוניאן און דער באסעס אסס'ן, איז מען קיינמאל ניט

הײמאַן בעאַמטער אין „קאַנטרי"

פון דוש. העלער.

די שטאָדט ניו יאָרק באָדט זיך יעצט אין טײַכען שווייס. די זון ברענט מיט אַ שרעקליכער היטץ און ווינט ארויס דאָס לעצטע ביסעל ענערגיע פון מענשען. אַלע שוויצען הײַנט אין ניו יאָרק. אַלע שלעפּען זיך מיט אויסגעמאַטערטע טריט. ניו יאָרק איז הײַנט אַ קאַלך־אויווען.

הײמאַן בעאַמטער איז אויך אַ ניו יאָרקער. אַך, איהר קאָנט איהם אַלע גאַנץ גוט. ער איז דאָס דער אַרבײַטער פון יענעם און יענעם שאַפּ, וועמען די ב ר י ד ע ר און ש ו ו ע ס ט ע ר האָבען מיט יאָהרען צוריק ערוועהלט אַלס זייער פיהרער. איהם איז אויך הייס. איהם שטיקט אויך די הייסע אַטמאָספערע. איהם ווילט זיך אויך, צוזאַמען מיט דעם טויזענט־קעפּיגען שטראָם אַנטלויפען פון ניו יאָרק און אָפּרוהען אַביסעל זײַן מידען קערפּער.

אָבער מיינט ניט, אַז פאַר הײמאַן בעאַמטער איז אַזאַ לײַכטע זאַך צו נעמען אַ „וואַקיישאַן". קודם כל שטעלט זיך איהם די פראַגע צי קען ער גאָר אײַנגאַנצען אוועקפאָהרען. אין שטאָדט איז ניט אַזוי פרײַלאַך. אַרבײַטער געהען ארום אָהן אַרבייט. מענשען ווײַנען הונגעריג. די שעפּער ווערען צוגעמאַכט. דער עולם איז אומצופרידען. מען לייגט די שולד פון אַלעס און אַלעמען אויף איהם. ער איז ווייט פון צו זײַן דער ליבלינג פון דער מאַסע, ווי ער איז דאָס געווען אַמאָל, אַמאָל, אין דעם יאָהר 1919. הײַנט ווי קען ער אוועקפאָהרען אין אַזאַ מאָמענט?... איהם דאַכט זיך, אַז יעדער מעמבער וועט אויף איהם קוקען מיט דורכשניידענדע בליקען. מען וועט איהם פאַרווירפע מאַכען, אַז די יוניאָן אינטערעסירט איהם נאָר, נאָר ניט. אַז אַלעס, מיט וואָס ער איז באַשעפטיגט, איז מיט זײַן אייגענעם „איך", אַז זײַן אייגענער פאַרגעניגען שטעהט ביי איהם פיעל העכער פון דעם גליק פון דער גרויסער מאַסע, וועמען ער פאַרטרעט.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַזוי לײַכט איז הײמאַן'ען אָנגעקומען דער אָפּיציעלער באַשלוס, אַז די יוניאָן באַשליסט איהם צו געבען 2 וואָכען וואַקיישאַן. עס האָט זיך צו דעם געפאָדערט קענטניס, טאַקט און אַן אמת קינסטלערישער אַפּיעל צו די געפיהלען פון זײַנע בעלי־בתים — די מיטגלידער פון זײַן יוניאָן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מיט דעם באַשלוס אַליין קאָן ער נאָך ניט פאָהרען אין דער „קאַנטרי". ערשט נאָך דעם ווי ער האָט געקראָגען די „ראַזרעשעניע" צו פאָהרען, האָט זיך פאַר איהם ערשט ארויסגעוויקעלט אַ נײַע פּראָבלעם: „וואוהין פאָהרט מען?"

און מיינט ניט, אַז דאָס איז געווען אַ לײַכטע זאַך פאַר איהם צו ענטשיידען. אַז ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן לעצטער „וואַקיישאַן" אין די „קעטסקיל מאַונטיינס", איז איהם איבערגעגאַנגען אַ שוידער איבער זײַן לײַב. ווארום זײַנע 2 וואָכען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין יענעם פּלאַץ איז פאַר איהם געווען די גרעסטע אָפּקומעניס פון זײַן לעבען.

דער פּלאַץ, וואו ער איז אײַנגעשטאַנען, פאַרשטייט זיך, איז ניט געווען אָפען נאָר פאַר יוניאָן פיהרער. דאָרטען זײַנען אַלע געווען ווילקאָמען. באָס און אַרבײַטער זײַנען פאַר דעם אײַגענטימער פון דעם זומער־פּלאַץ געווען גלײַך. נאַטירליך זײַנען דאָרטען געווען אַ חיבש ביסעל פון דעם דורכשניטליכען טיפּ באָס, אָט פון די קאָלאַקטעס, וואָס מאַכען אָן מעהר טומעל וויפיעל זיי זײַנען ווערטה אין קעש; אידען, וואָס זייער באַשרענקטע וויסענשאַפט האַלט זיי דאָך ניט אָפּ פון צו רעדען איבער יעדען וויסענשאַפטליכען ענין: קאָמערץ, פינאַנץ, האַנדעל, עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק און אַזוי ווייטער. פאַרשטייט זיך, אַז די „לייבאָר קוועסטשאַן" איז זיי אויך ניט פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען. מיט דער אײַנציגער אויסנאַם, וואָס וועהרענד זיי האָבען גערעדט וועגען אַנדערע פּראַגען, האָבען זיי זיך צו זיי באַצויגען מעשה פילאָזאָפען, מעשה ביזנעס לײַט; יעדע זאַך אַזוי קאַלט און געלאַסען באַטראַכט און אַרומגערעדט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אומפּאַרטייאישען געלעהרטען, האָבען זיי אָבער די „לייבאָר קוועסטשאַן" באַטראַכט אין אַ גאַנץ אַנדער וועג. וועגען דיזער פּראַגע האָבען זיי שוין גערעדט מיט פייער, מיט היטץ און מאַנכע (די מעהר אָפענהערציגע) מיט גאַל און גאַר.

פאַרשטייט זיך, אַז די „לייבאָר קוועסטשאַן" קען ניט אָפּגעזונדערט ווערען פון דעם פאַרדאַמטען „וואָקינג דעלעגאַט".

און דערפאַר טאַקע האָט הײמאַן בעאַמטער די גאַנצע צוויי וואָכען פון זײַן וואַקיישאַן קיין אַנדער זאַך ניט געהערט ווי „די פאַרדאַמטע יוניאָנס" און „פאַרדאַמטע גרעפּטערס", „דוירטי גרעפּטערס", „קראָקס", „פּייד אַדזשיטייטאָרס" און נאָך אַזעלכע עהנליכע קאָמפּלימענטען צו דער אַרבײַטער באַוועגונג און די פיהרער פון דער באַוועגונג. אַממערהרסטען האָט זיך אין דיזער אַטאַקע אויסגעצייכענט נחום בורעצ, אַזאַ פאַרגאַסענער אידעל, וועמען די יוניאָן האָט געמאַכט צו באַצאָהלען אַ פּאָר דאָלאַר פאַר דערפאַר וואָס ער האָט געגעבען, לויט ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אַ ליטל ביזינעס טו דהי דוירטי שאָפּ דעלעגאַט". און יעדען פרימאָרגען, און יעדע מיטאָג שטונדע, און יעדען אָווענט, ביי דעם טיש וואו ער האָט געגעסען, אויף דער וועראַנדע, וואו ער האָט זיך זאָרגפעלטיג אין זײַן שאָקעל־שטול געשאָקעלט, האָט נחום בורעצ געהאַלטען אין איין רעדצייעלען בייזע ווערטער וועגען די יוניאָנס און איהרע גרעפּטערס. „וועי, — פלעגט ער ארויסשיסען פון צווישען זײַן גראָבען סיגאַר, — איף אַי העד די פּאַוער, אַי סענד דעם אָף טו דזשייל". און אין זײַן באַגײַסטערונג, פלעגט ער אַזוי אַ ציה טאָן יאַשקע טריבוך, אַ קלאָוק מאַנופעקטשורער צו איהם אויפ'ן שוים און איהם אַרײַנשושקען אַזוי אַ וויסענשאַפטליכען סוד אין זײַן לאַנגען אויער.

— איהר ווייסט, מר. טריבוך, זיי זײַנען דאָך אַלע פּאַראַזיטען. זיי פּראָדוצירען קיין זאַך ניט. זיי ברענגען קיינע נוצען ניט דער געזעלשאַפט, אָט די „וואָקינג" דעלעגאַטען. זיי לעבען אויף נאַלע גרעפּס. ניט אַזוי ווי מיר, אָרימע מאַנופעקטשורערס, וואָס דאַרפען אַזוי שווער און ביטער אַרבײַטען פאַר דעם סוקסעס פון דער הײַנטיגער געזעלשאַפט.

און הײמאַן בעאַמטער האָט צוויי וואָכען געהאַט האַרץ־קלעמעניס, אָנשטאָט אַ וואַקיישאַן, פאַרדרוס אָנשטאָט פאַרגעניגען, וועלכע ער איז געקומען זוכען. זײַן געוויסען פלעגט איהם ברענגען פאַר שאַנדע. ער האָט זיך געפיהלט נאָך ערגער פון אַ ישיבה בחור, וועלכער עסט טעג: עפּעס אַ נאַרטיש צווישען אַזעלכע „עהרליכע" ניצליכע באַשעפעניסען.

וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? אָנהויבען אַ דעבאַטע מיט נחום בורעצ? אויפשניידען פאַר איהם זײַן האַרץ און איהם איבערצייגען זײַן ערליכקייט? פאַר וועמען? פאַר אַזאַ אומוויסענדען פאַרנאַסענעם אידעל? ער האָט ניט געוואָלט פאַרשוועכען זײַן הייליגען אידעאַל, פאַר וועלכען ער האָט אַמאָל, אַמאָל באַשלאָסען צו ווידמענען זײַן לעבען. האָט ער בעסער געשוויגען. אַמאָל אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל געגעבען; צייטענווייז אַ הוסט געטאָן, און מייסטענס איז ער אַוועק פון דיזען אומריינעם פּלאַץ, ווייט, ווייט אין די בערג אַרײַן, האָט זיך באַהאַלטען צווישען די געדיכטע בוימער פון וואַלד, האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, האָט פאַרדריקט זײַן קולאַק און האָט זיך אויף דיזער אומריינער וועלט פאַרמאָסטען. ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט אין זײַן קלאָרער זילבערנער שטימע, וועלכע האָט דעם גאַנצען שטילען געגענד, מיט זײַן עכאָ פאַרקלונגען: ניין! זיי וועלען מיר מײַן מוט ניט באַרויבען. מיט נאָך מעהר ענטשלאָסענהייט וועל איך פאָרטזעצען מײַן אַרבייט פאַר אַ בעסערע און שעהנערע וועלט!

הײמאַן בעאַמטער וואָלט דערפאַר אויך מוחל געווען זײַן „וואַקיישאַן", אויב עס וואָלט איהם ווידער אויסגעקומען צו פאָרען צווישען די אַלרייטניקעס. ער האָט געוואָלט געפינען אַ פּלאַץ, וואו ער דאַרף זײַן באַשעפטיגונג ניט באַהאַלטען, אַ פּלאַץ אין וועלכען ער זאָל זיך פיהלען אַלס אַ מענש צווישען מענשען; אַלס אַ גלײַכבאַרעכטיגטער בירגער. און דערפאַר איז פאַר איהם געווען אַ זעהר ערנסטע פּראָבלעמען צו ליזען וואוהין ער זאָל פאָהרען פאַר זײַן וואַקיישאַן.

זייענדיג אַזוי פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען, האָט ער פּלוצלונג פאַר זיך דערזעהן די געלעגענהייט פון זײַן גאַנצען לעבען. ענדליך האָט ער געפונען דעם פּלאַץ אין וועלכען ער נויטיגט זיך — ד י אַ ר ב ײ ט ע ר א י מ ע נ י ע, זײַן זומער היים, אַן אַרבײַטער'ס היים, אַ היים פון אַרבײַטער און פאַר אַרבײַטער, אַ פּלאַץ וואָס אַרבײַטער האָבען אויסגעבויט פאַר זיך זעלבסט; אַ פּלאַץ וועלכער איז בלויז מעגליך געווען אײַפצובויען דורך דער פאַראייניגטער מאַכט פון אַרבײַטער.

אַ, טראַכט ער זיך, אַ כפרה די אַלע זומער פּלעצער. איך געה אין מײַן אייגענער היים. אָהין וואו די אַטמאָספערע איז אַ פרײַנדליכע, די באַציהונגען ברידערליכע, וואו די געדאַנקען און די חלומות און די טרוימען זײַנען די וועלכע געפינען דעם אָפּקלאַנג אין זײַן אייגענער נשמה. ווייניג האָט זיך הײמאַן בעאַמטער פאָרגעשטעלט, אַז יעצט איז אַ וועלט פון מאָדעס. אַז די אַרבײַטער באַוועגונג איז ניט דאָס וואָס זי איז געווען אַמאָל, אַז זי האָט פאַרשיידענע מאָדעס, פאַרשיידענע פאָרמען, פאַרשיידענע אָנהענגער פון פאַרשיידענע מאָדעס, און אַז דער נאָמען „אַרבײַטער פיהרער" אַליין איז נאָך ניט גענוג צו קריגען די ליבע פון דער מאַסע, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געגאַרט...

הײמאַן בעאַמטער איז אוועקגעפאָהרען אין דער אַרבײַטער אימעניע, און זײַן נשמה האָט געטאַנצט פאַר פרייד, אָנקומענדיג די היים פון אַרבײַטער. וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער פּלאַץ דאָס איז! לאַנקעס, פעלדער, וועלדער, וואַסערען, פויגעל, געזאַנג, האַרמאָניע פון דער שעהנער נאַטור. אַ מאָנומענט פון אַרבײַטער אייניגקייט, פון אמת'ער ליבע פון די לעבצענדע, ליידענדע אַרבײַטער מאַסען...

הײמאַן בעאַמטער האָט געפיהלט, אַז ענדליך האָט ער געפונען דעם פּונקט פון זײַן אידעאַל, וואו ער וועט אין פרײַנדליכקייט, אין ברידערליכקייט, אָטעמען און אומערשראָקען שעפּען קרעפטען פאַר דער פאָרטזעצונג פון זײַן אַרבייט.

אָבער קענטיג, אַז הײמאַן בעאַמטער איז אַ פאַרשאָלטענער מענש, קיינמאָל, קיינמאָל וועט ער קיין רוה פּלאַץ ניט געפינען. ניטאָ פאַר איהם קיין היים; ניטאָ פאַר איהם קיין פּלאַטץ; ניטאָ פאַר איהם קיין ליעבע; ניטאָ פאַר איהם קיין רעספּעקט. נע ונד דאַרף ער זײַן זײַן גאַנצען לעבען. ווײַל פאַרגעסט ניט, הײמאַן בעאַמטער איז אַ ב צ אָ ה ל ט ע ר פיהרער פון אַ יוניאָן.. אַ פאַרברעכען, וועלכער וועט אייביג בלײַבען אַלס אַ שאַנד־פלעק פאַר איהם צו טראָגען אויף זײַן שטערן. סײַדען...

אײנמאָל, זיצענדיג ביים טיש, דערהערט ער עפּעס אַ באַקאַנטען וואָרט. אַ ראָרער, פון זון אָפּגעברענטער יונגערמאַן, מיט אַ גלאַט געשאָרענער קאָפּ, רעדט פייערדיג צו אַ בלאַסער מיידעל. ער ווערט נײַגעריג, ער שטרענגט אָן זײַן אויער און הערט, און הערט און הערט. ער ווערט בלאַס. ער גיט אַ ציטער אויף. ער פאַנגט זיך אָן ווערגען מיט'ן ביסען ער דערהערט ווייטער ד י ז ע ל ב י ג ע ו ו ע ר ט ע ר, וואָס ער האָט געהערט פון נחום בורעצ, דעם פאַרגאַסענעם אַלרייטניק, לעצטען יאָהר. „גרעפּטערס", „דוירטי פּאָליטישענס", „קאָרופּטע מאַשין", „פאַרפוילטע ביוראָקראַטיע", „יוניאָן אָליגאַרכיע" — אָט די אַלע קאָמפּלימענטען גיסען זיך ווייטער אויף זײַן קאָפּ. עס פאַרקלעמט איהם דאָס האַרץ, ער פאַרזעצט די ליפען, קערט זיך אָפּ און מאַכט זיך ניט וויסענדיג, אָבער אינעווייניג, אין האַרצען שפּילט זיך ביי איהם אָפּ די טראַגעדיע פון זײַן לעבען.

וואָס איז ער? ווער איז ער? וואָס האָט ער? וואָס לויפט ער? וואָס קאָכט ער זיך? וואָס היצט ער זיך? וועמען פאַרטרעט ער? ווער בעט אים? ווער וויל אים? און ווער נויטיגט זיך אין איהם? וואָס הינעט ער אין דער אַרבײַטער באַוועגונג? ווי לאַנג וועט ער זיך אַרומטראָגען מיט דעם שאַנדפלעק פון בעאַמטענטום אויף איהם? וואַרף עס אַרונטער! צוטרעט עס מיט די פיס! וואַרף עס אַוועק! בלייב דײַן אייגענער פיהרער, דײַן אייגענער מענש, דײַן אייגענער „איך"...

אָט געט ער פאַרבײַ אַ גראָבע אידענע, זי איז ניט קיין מיטגליד פון דיזער יוניאָן. איר מאַן, זאָגט מען, איז גאַנץ רײַך, נאָר זי איז אַ פּראָגרעסיווע פרוי, ברענגט איהר דער מאַן אַלע יאָהר, אין זײַן אויטאָמאָביל צופיהרען אין דער אַרבײַטער היים. פיהלט זי זיך זעהר אָנגענעם אין דער פרייער אַטמאָספערע. זי רעדט און זי רעדט אויף וואָס די וועלט שטעהט. נאַטירליך, קומט זי צו דער טעמע פון יוניאָן בעאַמטע. רעדט זי אויך וועגען זיי. זי צווייפעלט אין זייער ערליכקייט; זי שטעלט אַ פראַגע־צייכען אויף זייערע מאָטיוען; זי פאַרוישקעט זיך אין זייער היימישען לעבען; איהר געפעלט ניט זייער מאָראַל — איהר, דער יאַכנע מיט'ן אויטאָמאָביל, זעט אויס אַז די בעאַמטע זײַנען צופיל פאַרשווענדעריש. זיי וואַרפען זיך מיט דער יוניאָנ'ס געלט; זיי לעבען ווי די לאָרדען.

„גרעפּטערס", „גרעפּטערס", — דאָס קלינגט אין זײַנע אויערען.

ניטאָ קיין אונטערשיעד פון נחום בורעצ ביז חייקע קוויטש. אַלע קלינגען אין דעם זעלבען כאָר. הײמאַן באַאַמטער איז די קהל'שע קאָך־לעפעל מיט וועלכער יעדער וואָס האָט נאָר גאָט אין האַרצען, מישט די קאַשע פון אומריינקייט, פון צופּוילטקייט, פון פאַרדאָרבענקייט, פון אינקוויזיציע...

אַה, טראַכט ער זיך. איך וועל געהן איהר אָנקלאָגען צו דער פאַרוואַלטונג, נאָך אַלעמען וועלען זיי דאָך אויף מיר רחמנות האָבען. איך בין דאָך ניט מער ווי אַ לעבעדיגער מענש. איך האָב דאָך אויך אַ נשמה. זיי וועלען זיכער אָפּהאַלטען דיזע שענדליכע באַליידיגונגען געגען מיר. איך וועל אַפּעלירען צו דער בלאָנדער קאָמיטע־שוועסטער, צו דער שוואַרצינקער, צו דער מיט דער געקרייזעלטער קעפּעלע, צום דאָקטאָר, צום מענעדזשער, צו דער גאַנצער פאַרוואַלטונג. איך וועל בעטען: „פּליעז באַשיצט מײַן נשמה אין די פּאָר טעג וואָס איך דאַרף דאָ פאַרווײַלען; נאָך אַלעמען האָב איך דאָך קיין מענשען ניט געמאָרדעט; קיין געלט ניט גע'גנב'עט; קיין פרויען ניט געשענדעט. גוט, איך האָב געמאַכט אַ טעות. איך בין געוואָרען אַמאָל, אין אַ נאַרישען מאָמענט אַ באַצאָלטער באַאַמטער. טאַקע אַ נאַרישקייט, טאַקע אַ פאַרברעכען. נו, טאָ טרײַבט מיר ארויס פון דעם אַמט, נעמט ביי מיר אָפּ מײַן ה ע ר ש אַ פ ט. לאָזט אָבער איבער מײַן נ ש מ ה אַזוי רײַן ווי איך האָב זי אייך געגעבען, ווען איך בין מיט מײַן פולסטער ערנסטקייט צו אייך געקומען".

אָבער באַלד האָט ער חרטה. ער שעהמט זיך. איהם דאַכט זיך, אַז ער זעהט אויס ווי אַ נאַרישער אינגעל מיט זײַן קלאַגע. וואָס איז די פאַרוואַלטונג שולדיג? און וואָס קען די פאַרוואַלטונג פאַר איהם טאָן? זי קען פאַרשטיקען אויף אַ ווײַלע דעם האַס, זי קען פאַרבאָטען דעם אָפענעם אויסגוס פון דער פיינדשאַפט צו איהם. אויסראָטען וועלען זיי דאָס אָבער ניט קענען. אויב מען וועט איהם ניט וועה טאָן מיט'ן מויל, וועט מען איהם שטעכען מיט די בליקען. פאַרפאַלען. אָט אַזוי געהט די וועלט. אַ נאַטשאַלניק איז אַלע מאָל געווען פאַרהאַסט און וועט בלײַבען פאַרהאַסט. עס איז ניטאָ קיין אונטערשיעד פון דעם פּריסטאַוו פון מעזעריטש ביז דעם באַצאָלטען באַאַמטען פון ניו יאָרק. ביידע זײַנען זיי ביוראָקראַטען. ביידע אומזיסטינע פּרעסער. ביידע פּאַראַזיטען. ביידע זײַנען זיי צופּוילט און פאַרדאָרבען און אויפגעפרעסען פון כאַבאַר און אויסגעלאַסענהייט. ניין, די פאַרוואַלטונג וועט איהם נאָר ניט העלפען.

הײמאַן באַאַמטער שטעהט אַ צובראָכענער ביים טײַכעל. די זון האַלט ביים אונטערגעהן. די טײַכעל איז באַדעקט מיט שיפעלאַך. אין די שיפעלאַך שיפען זיך זאָרגלאָז, אַרבײַטער קינדער פון ביידע געשלעכטער. זיי ליבען אַלעס און אַלעמען — אויסער איהם. און הײמאַן הויבט אויף זײַנע הענט אין דער הויך, קערט צו זײַן פּנים צום וועלדעל און קרעכצט ארויס: גאָט אָדער נאַטור — וועסטו מיר אַמאָל געבען אַ פרײַנדליכען בליק; וועסטו מיר אַמאָל באַפרייען פון מײַן גרויסען פּלעט...

עס הערט זיך אַ קלאַנג־ליד פון אַ פאַרקלעמטער האַרץ...

רערע זײַן גרויסע פרײַנדשאַפט פאַר פּרעזידענט קולידזש און פאַר זײַן קאַנדידאַטור אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. אַ רחמנות אויף אונזערע קאָמוניסטען. זיי זײַנען זעהר אומגליקליך אין זייערע פרײַנד.

איך וועל ניט שווערען, אַז דער באַריכט פון דעם „פּראָוויזאָרישען קאָרעספּאָנדענט", אַז די דײַטשע קאָמוניסטען האַלטען אין איין האַנדלען זיך צו די דײַטשע פאַשיסטען, איז אין גאַנצען אמת. אָבער אַ טראָפּעלע אמת מוז דאָך זײַן אין דעם באַריכט. ווארים, ערשטענס, איז דער מהלך פון פאַשיזם ביז באָלשעוויזם נאָרניט אַזוי ווײַט. ביידע זײַנען דורכגעדרונגען מיט'ן געדאַנק, אַז פרייהייט איז אַ שטות, אַז אומזיסט, אַ נעפּשקע, וואָס דאַרף וואָס ניכער אויסגעוואָרפען ווערען. ביידע גלויבען אין דער מאַכט פון געוואַלד. מעהר ניט, עס איז אַ שטיקעל אונטערשייד אין זייער פּראַוואָקאַציע. אָבער דאָס איז אַ קליינינקייט, וועגען וועלכער מען קען מחלוקה ווערען. דערפאַר קען זײַן, אַז דער באַריכט פון אַ פאַראייניגונג פון די דײַטשע צוויי געוואַלט־פּאַרטייען איז יעט אין גאַנצען אומוואָרשיינליך.

נערי, דער שטאָל־טראַסט־צאַר מיינט, אַז דער אַמעריקאַנער פּובליקום איז „ראָמאַנטיש", פאַרלאַנגענדיג דעם 8־שטונדיגען אַרבײַטסטאָג פאַר די שטאָל־אַרבײַטער. ווארים אין דער אמת'ען וועט עס אויסגעהן צו די קאָפּ פון די שטאָל־אַרבײַטער, וועלכע וועלען איצט קריגען, נאַטירליך, קלענערע ווייִדזשעס. נאָר, פאַרפאַלען, דאָס פאָלק וויל, טון ער נאָכגעבען. און דער 8־שטונדיגער־טאָג, וועט באַלד זײַן אַ פאַקט. איך וויל נביאות זאָגען, אַז נערי וועט נאָר ניט ערקלערען אויך זײַנע שטאָל־אַרבײַטער אַלס „ראָמאַנטיקער", ווען זיי וועלען פאַרלאַנגען דירעקטע ווייִדזשעס פאַר אַכט, ווי פאַר צוועלף שטונדען. און פּונקט ווי ער האָט געמוזט נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון דעם „ראָמאַנטישען" אַמעריקאַנער פּובליקום, אַזוי וועט ער מוזען נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון זײַנע „ראָמאַנטישע" אַרבײַטער.

עס איז ווירקליך אַן אומגליק פאַר אַזאַ קלאָרען קאָפּ, ווי נערי, צו מוזען לעבען אין אַזאַ „ראָמאַנטישער" צײַט, ווי אונזערע איז.

פּראָבלעמען פון אידישער ארבייט אין מזרח-אייראָפּע

דאנציג.

דער גרעסטער און שארפסטער פּראָבלעם, פאר וועלכער עס שטעהען די אידישע מאַסען אין מזרח-אייראָפּא, איז דער פּראָבלעם פון ארבייט, דער פּראָבלעם ווי אידען איבערצופיהרען צו פּראָדוקטיווער אַרבייט און ווי אידען צו פאַרשאַפען די מעגליכקייט צו עקזיסטירען דורך ארבייט. דער דאָזיגער פּראָבלעם באַגרענעצט זיך ניט אויף די לענדער פון מזרח-אייראָפּא, מיר האָבען איהם אויך אין זעהר אַן ערנסטען אופן אין ענגלאַנד, ער עקזיסטירט אין אַן אַנדער פאָרם אויך אין נאָרד-אַמעריקע, אין ארגענטינע און אומעטום, אָבער אין זיין גאַנצען ערנסט און אין זיין גאַנצען פאַרנעם טרעט ער אַרויס אין פּוילען, רוסלאַנד, רומעניע און אין די שכנ'ישע לענדער. עס איז ניט פאַר די כחות פון קיין אָרגאַניזאַציע, ווי גרויס און מעכטיג זי זאָל ניט זיין, דעם דאָזיגען זעהר קאָמפּליצירטען פּראָבלעם, וועלכער איז אין דער איינענער צייט אַ פּאָליטיש'ער, אַ נאַציאָנאַלער און אַ סאָציאַל-פּעדאַגאָגישער, צו פאַרענטפערען. אָבער דאָס, וואָס עס ליגט אין אונזערע כחות צו טאָן אויף דעם געביט, אָהן אונטערשייד וואָס פאַר אַ פּאָליטישער און סאָציאַלער סיסטעם עס הערשט אין די שייכות'דיגע לענדער, מוז געטאָן ווערען. „אָרט" האָט צו פאַרצייכענען גרויסע פאַרדינסטען אין דער פאַרשפּרייטונג און באַפעסטיגונג פון מלאכה און ערד-ארבייט ביי אידען, כאָטש דאָס, וואָס ער האָט ביז אהער געקענט אויפטאָן איז נאָר אַ טראָפּען אין ים אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס וואָלט מוזען געשעהן פון דער אידישער זייט.

זייט אַן ערך 100 יאָהר געהט אַן ביי אידען אַ טיפער פּראָצעס פון פּראָדוקטיווירונג. דער דאָזיגער פּראָצעס האָט אין די אַלטע לענדער אָפּט באַגעגענט גרויסע שטערונגען, אינערע, סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע, און אויסערע, נאַציאָנאַל-פּאָליטישע. דאָך איז די ענטוויקלונג געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פאַר דער מלחמה האָבען 50 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין דעם אַמאָליגען גרויסען רוסלאַנד געלעבט פון דער ארבייט, מייסטענס פון האַנדווערקעריי, זעהר ווייניג פון דער פאַבריק-ארבייט, אַ טייל אויך פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער דאָזיגער ענטוויקלונגס-פּראָצעס איז איבערגעהאַקט געוואָרען אין די יאָהרען פון דער וועלט-מלחמה, גרושים און פּאָגראָמען. די אידישע אַרבייט האָט געמאַכט פאַר די לעצטע 8 יאָהר אַ שרעקליכען שריט אויף צוריק. ניט נאָר האָבען אַ מאַסע מענשען פאַרלאָרען דעם עקאָנאָמישען באָדען אונטער די פיס און זיינען אַנגעוויזען אויף פרעמדע הילף, אויך צווישען די זעלבסט-פּאַ־בינער איז דער פּראָצענט פון שאַפענדע באַדייטענד אַ קלענערער. די דאָזיגע ערשיינונג איז אָבער מייסט פאַראורזאַכט געוואָרען פון אויסערע סבות, דען די שטרעבונג צו ארבייט איז ביי די אידען אין מזרח-

האַנדווערק און ערד-ארבייט ביי דער „אָרט" קאָנפערענץ.

פון אונזער אייראָפּעאישען קאָרעספּאָנדענט
לעאָן חאַזאַנאָוויטש.

אייראָפּא זעהר שטאַרק. ליידער איז די הילפס-אַקציע פון די פאַרשיידענע לענדער, די גרעסטע קאָלעקטיווע אידישע אַקציע אין דער נייער צייט, נאָר ווייניג אויסגענוצט געוואָרען צו פאַרשטאַרקען די יסודות פונ'ם אידישען עקאָנאָמישען לעבען. ערשט איצט, ווען די הילפס-געזעלשאַפטען האַלטען ביים ליקווידירען זייער ארבייט, האָבען זיי זיך געלאָזט איבערריידען עפּעס צו טאָן אויף דעם דאָזיגען געביט. דער קאָנסטרוקטיווער פאָנד פון אַ מיליאָן דאָלאַר, וואָס די דאנציגער „אָרט" קאָנפערענץ האָט באַשלאָסען צו שאַפען איז אַ קליינע סומע אין פאַרגלייך צו די קאַפּיטאַלען, וואָס נויטיגען זיך פאַר'ן איבערבוי פונ'ם אידישען עקאָנאָמישען לעבען. אָבער מענשען, וועלכע זיינען נאָהענט צום פאַלק און קענען זיינע נויטען און באַדערפענישען, וועלען מיט דער דאָזיגער סומע אַ סך מעהר אויפטאָן ווי די פילאַנטראָפּישע חברות מיט זייערע פיעלע מיליאָנען.

אויפ'ן געביט פון מלאכה האָט „אָרט" אַ סך געהאָלפען דורך קרעדיטען פאַר אַרבייטס-געצייג, מאַשינען און רויהע־שטאָפען (אויף דעם זיינען אוועק 2 מיליאָנען פון די 8 מיליאָנען פראַנצויזישע פראַנק, וואָס דער „אָרט" ביודזשעט האָט באַטראָפען פאַר די לעצטע קנאַפּע 2 יאָהר, ד. ה. אַלזאָ 25 פּראָצענט). אָבער די דאָזיגע קרעדיטען זיינען אין אַ גרויסער מאָס ייִ־ ווען פאַרמאַסקירטע צדקה, ווייל די בעלי מלאכות פלעגען אויסצאָהלען אין אַ קליינערער פּעריאָדע לויט די פּרייזען פון דער צייט, ווען זיי האָבען די ארטיקלען באַקומען און ביי דער שטענדיגער ענטווערטונג פונ'ם פּאַפּיר-געלד אין פּוילען, ליטע א. א. וו. פלעגט „אָרט" קריגען נאָר אַ קליינעם טייל פון די סומעס, וועלכע ער האָט אויסגעליינט. אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגעהויבען אַריבערגעהן דערצו צו באַשטימען די פּרייזען אין גאָלד געלד. בנוגע דער אידישער מלאכה האָט די אַלגעמיינער דאַנציגער „אָרט" קאָנפערענץ אָנגעמערקט ריכט ליניען, דהיינו: אַ ברייטע ארבייט אויפ'ן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, סיי פאַר קינדער, סיי פאַר יוגענדליכע, סיי פאַר ערוואַקסענע און מייסטערס; ביוראָס אויף צו געבען עצות ביים אויסקלייבען אַ פּראָפעסיע און פאַר ארבייטס-פאַרמיטלונג; אינסטרוקטאָרישע הילף דורך אָרטיגע און דורכוואַנדערנדיגע אינסטרוקטאָרען; פּאָפּולערע טעכנישע ליטעראַטור פאַר בעלי מלאכות און ארבייטער; אויסשטעלונגען; אונטערשטיצונג פון קאָאָפּעראַטיוען ביים איינקויף פון רויהע שטאָפען און ביים פאַרקויף פון פּראָדוקטען; פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון ווידעראויפבוי פון דער אידישער מלאכה אין דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע (לייהע און שפּאַר-קאַסעס, וועלכע האָבען די טענדענץ צו העלפען גיכער דעם מסחר איידער דער מלאכה) און צושטעלען מאַשינען און געצייג פאַר קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען און איינצעלנע האַנדווערקער.

ביים פּונקט מלאכה איז געפיהרט געוואָרען אַן אינטערעסאַנטע דעבאַטע איבער די אויסזיכטען פון די פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוען. אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוען זיינען אין דער צייט פון דער מלחמה און שפּעטער געגרינדעט געוואָרען אין פּוילען, אין ליטע און אין אַנדערע לענדער. לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ, האָבען די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיוען זיך געקענט האַלטען נאָר אין דער צייט, בעת דער קאַפּיטאַליזם איז געווען פאַרקריפּעלט דורך באַזונדערע צייט אומשטענדען. איצט אָבער, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין נאָרמאַלער עקזיסטענץ קענען די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוען ניט ביישטעהן די קאָנקורענץ פון די פּריוואַטע אונטערנעהמונגען און פאַרוואַנדלען זיך אַליין אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס באַשטעהען פון אַ פּאָר בעלי בתים, וועלכע עקספּלואַטירען פרעמדע ארבייט. נאָר אַזעלכע פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוען, וועלכע שטיצען זיך אויף אַ פעסטען מארק פון געבורויכס-קאָאָפּעראַטיוען, קענען אַנהאַלטען זייער סאָציאַלען כאַראַקטער און זיך אויסהיטען פון דעמאָראַליזאַציע. די דאָזיגע אינפאָרמאַציעס באַשטעטיגען אגב נאָך די ערפאַהרונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

די וויכטיגסטע ארבייט, וואָס ווערט געטאָן פאַר דער אידישער מלאכה, איז דאָך די פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג. צוליב דעם, וואָס „אָרט" האָט גאַנץ באַשריינקטע הכנסה-קוועלען און כדי צו אַרבייטען וואָס מעהר עקאָנאָמיש, ד. ה. כדי צו דערגרייכען מיט די קלענסטע מיטלען וואָס גרעסערע רעזולטאַטען, האָט די דאַנציגער קאָנפערענץ באַשלאָסען זיך דערווייל אָפּצוגעבען מיט אַזעלכע „לערן-וואַרשטאַטען, וואָס זאָלען אין פאַרלויף פון אַ פאַרהעלטניסמעסיג קורצער צייט צוגרייטען ארבייטער פאַר אַזעלכע מלאכות, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט ביי אידען, אָבער זיינען ניט קאָמפּליצירט און פאָדערען ניט קיין באַזונדערע קוואַליפיקאַציע ווי, למשל, שניידעריי, סטאָלעריי, שוסטעריי, טריקאָטאַזשען א. אז. וו." די דאָזיגע ארבייט שטעהט אויפ'ן ערשטען פּלאַן. דערביי זאָל מען אָבער אויך זעהן צוגרייטען קוואַליפיצירטע ארבייטער פאַר דער פאַבריק-אינדוסטריע. ווידער צוליב עקאָנאָמיע זאָל די הויפּט ארבייט אויפ'ן פעלד פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג אין

רעם נאָהענטסטען פעריאָד קאָנצענטרירט ווערען אויף דער פאַרבעסערונג און פאַר־ פעסטיגונג פון דעם נעץ פון די שוין עק־ זיסטירענדע לערן-אַנשטאַלטען און מע זאָל זיך דערווייל וואָס מעהר אָפּהאַלטע פון גרינדען נייע אינסטיטוציעס. עס אי פון דעם „אָרט" שטאַנדפּונקט פאַרשטענ ליך און לאָגיש, ווען ער וויל זיינע באַ שריינקטע מיטלען ניט צעשפּליטערן. עס איז געוויס פּראַקטישער צו פאַרפעסטיגע דאָס, וואָס מען האָט שוין, איידער מע געהט מאַכען נייע עקספּערימענטען. אָבער עס איז אין הענטסטען גראַד צו באַ רויערען, וואָס אויף דעם ראַיאָן געביט מוז מען מאַכען עקאָנאָמיע. פּראָפעסיאָ נעלע אויסבילדונג איז אונזער דרינ גענדסטע אויפגאַבע אין דער איצטיגע צייט. ביי אונזער יונגען דור אין מזרח אייראָפּא עקזיסטירט אַ באַמת'דיגער אַר בייטס-הונגער, דען ער פיהלט אינסטינק טיוו, אַז ביים פּראָצעס פון איבערשאַ צונג פון אַלע ווערטען, וואָס מיר לעב איצט איבער, קען נאָר דער שאַפענדע מענש האָבען אַ קיום. מיט אַ הונדערט סטעל פון דעם, וואָס ווערט אַרויסגע וואָרפען אויף דער אונטערשטיצונג פו שנאָרערס, וואָלט מען מיט דער פּראָפע סיאָנעלער ערציהונג אויפגעטאָן וואונ דער.

בעת ביי די פראַגען פון דער מלאכה וועלכע זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען זעהר ערנסט, איז די שטימונג דאָך געווען א קיהלע און אַ וואַכעדיגע, האָט זיך אָבער דאָס בילד געביטען ווי נאָר מען איז אַרי בערגעגאַנגען צו די פראַגען פון דער לאַנד ווירטשאַפט.

פּראָפעסאָר ברוצקוס, וועלכער איז אַ גוטער קענער פון דער אידישער ערד-אַר בייט אין די פאַרשידענע געביטען פו אַמאָליגען רוסלאַנד, האָט איבער דער דאָ זיגער טעמא געהאַלטען אַן אינסטרוקטי ווען רעפעראַט. אַנאַליזירענדיג די עקאָ נאָמישע פאַרהעלטניסען אין אייראָפּא האָט ער אָנגעוויזען אויף די שטאַרקסט טענדענץ צו לאַנדווירטשאַפט אין די איי ראָפּייאישע לענדער, וואו אין דער מלחמה צייט האָט זיך די לאַנדווירט שאַפטליכע פּראָדוקציע פאַרקלענערט אויף 35 פּראָצענט און וואו די פּרייזען אויף לעבענס-מיטלען זיינען זעהר געשטיגען ביי אידען איז די דאָזיגע טענדענץ נאָך שטאַרקער צוליב דעם חורבן, וואָס די אי דישע באַפעלקערונג האָט דורכגעלעבט די בעסטע אויסזיכטען פאַר דער אידישער ערד-אַרבייט האָט רוסלאַנד, וואו די גע זעצגעבונג איז פאַר דעם זעהר גינסטיג או די אַלגעמיינע לאַגע טרייבט די אידען צו דער ערד-אַרבייט. פאַר דער מלחמה האָבען אידען געהאַט אין רוסלאַנד אַ קליינעם ערד-פאָנד פון אַמאָל און מע האָט געמוזט לייגען דעם הויפּט געוויכט פאַר דער ענטוויקלונג פון אינטענסיווער קולטור. איצט מוזען מיר זיך סטאַרע צו באַקומען וואָס מעהר ערד. ברוצקוס רעקאָמענדירט צו באַזעצען אידען אי דער שכנות פון שוין עקזיסטירענדע אידי שע קאָלאָניעס. ער איז אויך פאַר אַ אי דישער מאַסען קאָלאָניזאַציע אין קרים אָבער ניט אין סיביר, וואָס ליגט צו ווייט פון די אידישע צענטרען. גרויסע מענ

(שלוס אויף זייט 13.)

קורץ און שאַרף

פון י. ב. ג.

דריי פערטעל מיליאָן דאָלאַר איז ניט קיין גוואַלדיגער פאַרמעגען אין אַמעריקא, אין דעם לאַנד פון ביליאָנערען, אָבער פּונדעסטוועגען ווען מען נעהמט אין אַנבאַטראַכט די טאַלאַנטען און פעהיגקייטען פון דעם נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט, וועלכער האָט איבערגעלאָזען זיין פרוי די דאָזיגע דריי פערטעל מיליאָן, קען מען ניט זאָגען, אַז די וועלט האָט איהם באַהאַנדעלט שלעכט.

אונזער נייער פּרעזידענט מר. קולידזש, האָט צוגעזאָגט צו געהן אין די פוס־טריט פון זיין פאָרגענגער. איז אויב ער האָט עס נאָר געזאָגט אין דעם מאָמענט פון זיין גרויסען טיפען, אונבאַגרעניצטען הארצוועהטאָג, איז עס, נאַטירליך, זעהר פאַרשטענדליך און פאַר־צייהליך. אויב אָבער ער מיינט טאַקע צו האַלטען זיין צוזאָג, איז דאָס ניט קיין גרויסע רעקאָמענדאַציע פאַר איהם. אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען דאַרף ניט זיין קיין נאָכ־שלעפּער, ער דאַרף קענען געהן זיין אייגענעם וועג. און פאַר וועמען וואָלט עס נאָר אַזוי לייכט געווען אויסצופיהרען, ווי פאַר מר. קולידזש, וועלכער איז קיינעם, אויסער דעם מלאך המות, קיין דאַנק ניט שולדיג פאַר זיין איצטיגער גדולה?

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך געלייענט אין אונזער היגער קאָמוניסטישער בלעטעל, אַז די קאָמוניסטען אין דייטשלאַנד געהען ניט דערלאָזען צו אַ פאָלקסאָפּשטימונג. און דווקא, אַזוי ווי אויף צו להכעיס, קומען איצט פאַר אין פילע שטעדט אין דייטשלאַנד בלוטיגע הריגות צווישען די ארבייטער און די אויפהאַלטער פון דער איצטיגער אָרדנונג. עס שטעלט זיך די פראַגע: האָבען די דייטשע קאָמוניסטען אין דעם משך פון עטליכע טעג געביטען זייער מיינונג, אָדער, אפשר, האָבען די פאַרצווייפעלטע דייטשע ארבייטער באַשלאָסען ניט צו וואַרטען אויף אַ ראַזרעשעניע פון ראַדעק'ען?

טראָצקי האָט זיך ערקלערט פאַר אַ „פּאַראייניגטע שטאַטען פון יוראָפּ". אַ גוטע זעהר ווינשענסווערטע זאַך. אַנומעלטען האָב איך דאָסזעלבע פאָרגעשלאָגען, אַלס אַ גוטען מיטעל געגען מלחמה. אָבער פּרעדיגען אַליין איז ניט גענוג. זאָל רוסלאַנד ווייזען אַ גוטען ביישפּיל. זאָל זי מאַכען אַ סוף צו איהרע ראַגאַטקעס, פּאַספּאָרטען, וויזעס. זאָל זי שטירצען די וואַנט מיט וועלכער זי האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט, אַז נאָר יחידי סגולה קענען אַריינדרינגען אַהין. אַזאַ טאַט וואָלט געווען נאָך אַ זעהר וויכטיגער שריט צו דער אויספיהרונג פון דעם גרויסען געדאַנק פון אַ פאַראייניגטע שטאַטען פון יוראָפּ.

די פראַגע, צי מיר וועלען ווידער האָבען אַ קוילען-סטרייק, צי ניט איז צו וויכטיג, אַז מען זאָל איהר קענען אויסמאַכען מיט דער האַנט. עס איז אַ פראַגע, צי דער עולם וועט מוזען אַזוי פרירען, ווי לעצטען ווינטער, אָדער ניט? און מיט רעכט האָט פּרעזידענט קולידזש פאַראינטערעסירט זיך מיט איהר. אָבער די פראַגע קען ניט פאַרענטפערט ווערען מיט אַן אוקאַז: „עס טאָר ניט זיין קיין קוילען-סטרייק!" פּרעזידענט קולידזש מוז נאָר אוראי געדענקען דעם סטרייק פון די באָסטאָנער פּאָליסלייט, וועלכען ער האָט געבראָכען מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען ער איז געווען גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס. אָבער ער דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז עס איז דאָ אַ שטיקעל חילוק צווישען די מינען-ארבייטער, וועלכע זיינען פאַראייניגט אין דער מעכטיגער יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן, און וועלכע האָט שוין ניט איין קאַמף אויסגעפאָכטען, און די באָסטאָנער פּאָליס, וועלכע זיינען געווען גאָר גאָר יונגע פליצען סיי אין הלכות יוניאָניזם און סיי אין הלכות סטרייקס. אַ חוץ דעם מוז פּרעזידענט קולידזש האָבען אין זינען, אַז אַ פּאָליסמאַן קען זיין יעדער, וואָס האָט נאָר אַ געזונטען קערפּער און איז גענוג ברוטאַל. אָבער צו זיין אַ קוילען-גרעבער — דאָס דאַרף מען קענען.

דער קונא-מיניסטעריום אין דייטשלאַנד איז געפאַלען, און אויף זיין פּלאַץ קומט דער סטרעזעמאַן-מיניסטעריום. איינער קען גאַנץ מוטיג זאָגען נביאות, אַז אויך דער סטרעזעמאַן-מיניסטעריום וועט זיך לאַנג ניט האַלטען, ווייל ער וועט געוויס ניט זיין בעסער, ווי זיין פאָרגענגער. פון דער ווייטענס שיינט עס, אַז קונא און זיין מיניסטעריום זיינען צוגעוואָרפען געוואָרען צום אומגליקליכען פאַרצווייפעלטען פאָלק, אַלס קרבנות, אַז ווען ער זאָל קענען שטילען זיין צאָרן. אָבער אויף ווי לאַנג וועט דער הונגער און עלענד זיך לאָזען באַרוהיגען דורך דעם? און וועט ער זיך איבערהויפּט באַרוהיגען אַזוי לאַנג ווי די סטינעסעס וועלען ווערען אַלץ רייכער און רייכער דורך דעם אומגליק פון גאַנץ דייטשלאַנד?

אונזערע פּאָליסלייט זיינען אומזיסט געווען פאַרצווייפעלט. זיי האָבען שוין ווידער געקראָגען אַ שטרענגען באַפעהל פון אונזער פּאָליס־קאָמישאָנער, ענרייט, צו נעהמען זיך צו די פאַרשיידענע טרינק-פּלעצער. און זעהן, אַז ביז צום 1טען נאָוועמבער זאָל פון זיי קיין רוך ני בלייבען. אַ, וועלען זיי זיך נעהמען דערצו און עס איז דאָך טאַקע שוין צייט. שוין לאַנ ניט געהאַט קיין גוטען פאַרדינסטעל, ווי אין ד גוטע אַלטע צייטען, ווען פּראָהיבישאָן האָט נ הערשט אין ניו יאָרק אין זיין גאַנצער שטרענ קייט.

פאַראַן מענשען אין אַמעריקא, און דוקא גאַנץ פּראָמינענטע מענשען, וועלכע זיינען איצט פאַרליבט אין דעם געדאַנק פון באַשרענקען ד פרייהייטס-קריטיק איז באַצוג צום פּרעזידענט די דאָזיגע מענשען זיינען פעסט איבערצייגט, אַ פּרעזידענט האַרדינג איז ניט געשטאָרבען פון אַפּאָפּלעקסיע, ווי זיינע דאָקטוירים האָבען עס ערקלעהרט, אויך ניט פון פּטאָמיין פאַר זאָגונג, נאָר פון אַ צובראָכען האַרץ, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען די פאַרשידענע ביי קריטיקען געגען איהם און זיינע פּאָליסים. איך פון מיין זייט, זעה טאַקע ניט איין, וואָרום מען זאָל אַזאַ באַשרענקונג ניט איינפיהרען. וואָס פאַ אַ ווערט האָט די גאַנצע קריטיק-פרייהייט געגע דאָס לעבען פון אַ פּרעזידענט? נידער, אַלזאָ, מיט דער פרייער קריטיק! ווער דאַרף איהר?

אַנדערע זאָגען, אַז דער פּרעזידענט־דזשאָב איז איבערהויפּט געוואָרען אַ צו שווערע זאַך פאַ אַ בשר ודם. אין אונזער צייט פון אַזוי פיל פּראָב לעמען, פון אַזוי פיל אומרוה, איז עס אומ מעגליך פאַר איינעם איבערצונעהמען אַזוי לאַסט. קען זיין, אַז עס איז דאָ אַ ביסעל אמת אין דעם. פון רעפּובליקאַנער האָט נאָך קיינער ניט נעהערט פון אַזאַ פּרעזידענט פון די פאַראייני גיגטע שטאַטען, וואָס זאָל ניט וועלען טראָגע די שרעקליכע לאַסט פאַר אַ צווייטען טערמין.

קאָנגרעסמאַן בעראַ, וועלכער איז פאַררעכנ פאַר אַ גאַנצען ראַדיקאַל ביי אונזערע אַמעריקאַ נער קאָמוניסטען, האָט די טעג ערקלערט איז

דערנאך, ווען די וועלכע נאדעל לויפט איבער די זעלבע קאנאלען מיט ווייערע בערגלאך און גריבלאך, ווערען צוריק באשאפען די זעלבע טענער.

און פונקט ווי מען קען אין דעם רעקארד אנשפילען דעם איינציגען טאן, וואס באקומט זיך, ווי מיר האבען אנגעגעבען, ווען א סטרונע וויברירט 440 מאל א סעקונדע; אט פונקט אזוי קען מען אין דעם רעקארד אנזינגען און אנשפילען פארשידענע אנדערע טענער און זייערע פארשידענע קאמבינאציעס.

דער ערשטער, אריגינאלער רעקארד איז א ווייכער. שיקט מען איהם אוועק אין לאבאראטאריע און דארטען, דורך דעם אזוי גערופענעם עלעקטראליטישען פראצעס, מאכט מען פון איהם א קאפיע פון בראנז. דעם בראנזענעם רעקארד שטעלט מען אריין אין אזא שווארצע ווייכע, טייגיגע מאסע. די מאסע באשטעהט הויפטזעכליך פון וואקס און ענט־האלט אין זיך נאך אנדערע מאטעריאלען, וועלכע ווערען געהאלטען בסוד אין יעדער לאבאראטאריע באזונדער. פון דער טייגיגער מאסע נעמט מען ארויס א שטיק און מען לייגט ארויף אויף דעם טישעל פון פרעס, און מיט א גאנץ הויכער קראפט דריקט מען פון אויבען צו מיט דעם בראנזענעם רעקארד, וועלכער פרעסט אויס פון דער ווייכער מאסע א פאלשטענ־דיגען רעקארד מיט אלע קאנאלען און מיט אלע בערגלאך און גריבלאך. דערנאך נעמט מען עס ארויס פון פרעס, מען שניידט ארום די ברעגען און מען לאזט עס אפקילען און אויסטריקענען, און דער רעקארד איז פארטיג. אויף אזא אופן און פון דעם וועלכען בראנזענעם רעקארד קען מען אויספרעסען צענדליגער טויזענדער אנדערע רעקארדס.

פון דעם אלעמען איז צו זעהן, אז די וויכטיגסטע טיילען אין דעם פאנאגראף, ד. ה. אין דער מאשין וואס קאפירט, אדער רעפראדוצירט קלאנגען, זיינען: דער רעקארד מיט זיינע קאנאלען פון בערגלאך און גריבלאך, און דער „ספיקער" מיט זיין נאדעל, וואס לויפט איבער די קאנאלען פון רעקארד און מאכט צו ציטערען, אדער וויברירען די דינע, דורכזיכטיגע דיאפראגמע, וועלכע רעפראדוצירט די קלאנגען. אבער דער פאנאגראף אליין, ד. ה. דער קאסטען מיט זיין מאטאר, שפילען אויך א גרויסע ראלע אין דער רעפראדוצירונג פון קלאנגען. און וועגען דעם אין דעם נעקסטען ארטיקעל.

פראבלעמען פון אידישער ארבייט אין מזרח־אייראפא

(שלוס פון זייט 10)

ליכקייטען זיינען אויך דא אין בעסאראביע. ביי דער דורכפיהרונג פון דער ערד־רעפארם האט מען צוגעטיילט אידען 5 טויזענד ערד־חלקים. אין ווילנער און גראדנער געגענדען, וועלכע געהערען איצט צו פוילען, קען מען אויך א סך טאן אויפ'ן לאנדווירטשאפטליכען געביט. וועה' שווער איז די ארבייט אין איינענטליכען פוילען. וואו די רעגירונגס־ארגאנען מאכען דורך אלערליי שמד־שטיק אונמעגליך פאר אי־דען צו קויפען ערד, הגם זיי האבען דאס געזעצליכע רעכט דערצו. אין דער אונגא־רישער ליטע ווערען אידען דורך דעם געזעץ פון דער ערד־רעפארם אזוי גוט ווי אויסגעשלאסען פון קריגען ערד, ווייל ערד־חלקים ווערען נאר צוגעטיילט צו משפחות, וועלכע האבען זיך פריהער באשעפטיגט מיט לאנדווירטשאפט. אינגאנצען גענומען זיינען דא גרויסע מעגליכקייטען פאר דער אידישער לאנדווירטשאפט אין מזרח־אייראפא און אויך א שטארקע שט־עבונג ביי די אידען דערצו. וואס עס פעלט אבער זיינען: פינאנציעלע מיטלען און פראפעסיאנעלע צוגרייטונג. די פילאנ־טראפיע, בראש מיט יק"א, וואס איהר הויפט אויפגאבע איז צו קאלאניזירען אי־דען, טוט אזוי גוט ווי גאר ניט און פאר־גינט אויך ניט די אנדערע די ארבייט. גרויסע געלעגענהייטען, וועלכע וועלען זיך ווידער קיינמאל ניט אומקערען, ווערען דורכגעלאזט. „ארט", וואס איז גע־צוואונגען צו אבייטען מיט זעהר באשרייעקטע מיטלען (פאר דעם צוועק האט ער אין די לעצטע צוויי יאהר געקענט אויסגעבען נאר 3 מיליאן פראנצויזישע פראנק) האט אין דער צייט פון הונגער־נויט טויזענדע אידישע פאמיליעס אין רוסלאנד געראטעוועט פון הונגער־טויט.

די קאנפערענץ האט אנגענומען א נייעם ארגאניזאציאנס־סטאטוט און האט אויסגעקליבען א צענטראל־פארוואלטונג פון 7 מיטגלידער און א צענטראל־ראט פון 21 מיטגלידער. די צענטראלע פון „ארט" בלייבט אין בערלין.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר ;; און די לעזער ;;

מ. וואלף. — אייער לאנגען בריף וועלכער, ווען מיר פארעפענטליכען איהם, וואלט געמוזט צוטיילט ווערען אין עטליכע פארטזעצונגען, קאנען מיר ניט פארעפענטליכען. און ניט מחמת ער איז צו לאנג, און ניט מחמת אין עטב וענט איהר אומגערעכט. דאס ווייסען מיר ניט. צוליב דעם וואלטען מיר געמוזט אויסהערען דעם צווייטען צד און מאכען ווייטער א אינטער־וויו פון דער דזשינער פאסירונג. נאר, ווייל אין אייער בריף באנוצט איהר זיך מיט א שפראך נעגען אייערע יוניאן־בעאמטע, וועלכע איז זעהר אומווירדיג, שענדליך פאר א גוטען יוניאניסט און פון אייער איינגעם בריף האבען מיר ניט ארויסגעזעהן, וואו זיי האבען דאס פארדינט ביי אייך. פארשטעהט נאר, מיר זעהען, אז זיי האבען זיך יע פאראינטערעסירט מיט דער גאנ־צער אנגעלעגענהייט, און סוף כל סוף האבען זיי דאך אויסגעפיהרט. צו פארוואס קומט זיי זידלען מיט אלע שענדליכע נעמען? איהר האט צו זיי צוויי הויפט טענות: די ערשטע איז, ווארום זיי האבען ניט געהאנדעלט ווי איהר האט געוואלט, נאר ווי זיי פארשטעהען. דאס איז א נארישע טענה. יעדער מענש האנדעלט אזוי ווי ער פארשטעהט אמבעסטען, און צווישען אייך, אלס איינצעלנעם מעמבער, און די בעאמטע, ווערען מיר איסער געבען די בכורה און דעם כוח אפ־צושעצען א געוויסע סיטואציע צו די בעאמטע זיי ווייסען בעסער. וואס מען קאן אויספיהרען אין א געוויסען מאמענט, און וואס ניט. איהר מיינט, אז דאזיגליכע, וואס זיי האבען גענומען אין דזשולײ, האבען זיי געקענט טאן אין אפריל און מיר מיינען, אז אויב זיי האבען עס ניט געטאן, זיינען מסתמא געווען גאנץ וויכטיגע אורזאכען; עס האט זיין, אז זיי וואלטען געטאן גאנץ גוט, ווען זיי גיבען אייך צו פארשטעהן ווארום זיי האבען אנדערש ניט געקענט האנד־לען. דערפאר וואלטען זיי ביי אייך צוגענומען די מעגליכקייט פאר אלערליי נארישע פארדעכ־טיגונגען. אבער ניט אלעמאל האבען געמאכט ווערען אזעלכע ערקלערונגען. די צווייטע טענה איז, ווארום זיי האבען ניט אויסגעמאנט פון דער פירמע דאס געלט פאר די פאריגע צייט ווי זיי האבען עס אייך צוגעזאגט. זייט איהר אבער זיכער, אז זיי האבען ניט אנגעווענדעט אלע מיטלען, וואס זיי האבען נאר געקענט, אום צו ערפילען זייער צוזאג? מיר זיינען זיכער, אז זיי האבען געוויס שטארק געארבייט פאר דעם. ניט אזוי צוליב אייך, ווי צוליב דעם פרעסטיזש פון דער יוניאן. און אום צו געבען דעם באס א לעקציע פאר דער צוקונפט. אבער מסתמא האבען זיי איינגעזעהען, אז דאס קאנען זיי מאמענטאן ניט אויספיהרען. איז דערפאר הייסט זיי זידלען? ניין, אין אייער בריף האנדעלט איהר גארניט ווי א מתחיל־יוניאניסט, ווארום א מתחיל־יוניאניסט וואלט געשאנעוועט דעם כבוד פון זיינע בעאמטע, — אויב ניט צוליב זיי פערזענליך, איז צוליב דעם כבוד פון זיין יוניאן. ער וואלט פארשטאנען און געפיהלט, אז מאכענדיג צו אוועק און צו ביזיוש די יוניאן־בעאמטע, אונטער־גראבט ער די מאכט פון זיין יוניאן. און אויך אויף אזא אופן שאדט ער זיך און די אלע אנדערע מעמבערס פון זיין יוניאן. מיר וואלטען געוואלט זיין צופרידען צו זעהן אייך פערזענליך און מעהר זיך דורכשמועסען מיט אייך, אום צו ער־קלערען אייך גרינדליכער ווארום אייער בריף האט ניט געטארט געשריבען ווערען. אבער מיר האבען מורא, אז אויב די דאזיגע שטיקלעך ווער־טער פון אונזער זייט האבען אייך ניט איבער־צייגט, ווי אומגערעכט איהר זיינט, וועט אייך אונזער פערזענליכער און לענגערער שמועס אויך ווייניג וואס העלפען.

מ. לעווינסקי. — מיר קאנען ניט געבען אייך קיין ריכטיגע עצה, ביז מיר וועלען וויסען מעהר וועגען אייער אנגעלעגענהייט. צום ביישפיעל, איהר שרייבט אין אייער בריף וועגען א פאר־לוסט פון דער אינטערנעשאנאל פאר [illegible] דאלאר, זיינען מיר זיך מודה, אז מיר ווייסען גארניט וועגען דעם. דאס בעסטע, וואס איהר קענט טאן, איז אריינצוקומען אין אפיס אין א פאר וואכען ארום, אין א פרייטאג אדער מאנטאג, אדער דינסטאג, צווישען 11 פארמיטאג און דריי נאכמיטאג. מעגליך, אז מיר וועלען וויסען מעהר וועגען דער אנגעלעגענהייט, וועלען מיר אייך קאנען זאגען אונזער מיינונג.

מעמבער לאקאל 22. — מיר קאנען ניט פארעפענטליכען אייער בריף, ווייל איהר האט ניט געהאלטען פאר נויטיג צו געבען אונז אייער נאמען און אייער אדרעס. מיר האבען דארום א רעכט צו פארדעכטיגען, אז אייער בריף איז ניט איינגאנצען כשר. א חוץ דעם אויב אלעס דאס, וואס איהר דערצעהלט וועגען א געוויסען שאפ, איז ריכטיג, איז דער פלאץ פאר דעם ניט אין דער צייטונג, נאר אויף דעם מיטינג פון דער יוניאן. די צייטונג איז באר שאפען ניט מיט דעם ציל צו פארנעמען דעם פלאץ פון יוניאן־מיטינג, נאר אום אפצושפיגלען דעם לעבען פון דער יוניאן אויף איהרע מיטינגס. זעהט איהר, ווען איהר האלט דאס געוואלט פארברייטען פאר דעם מיטינג, און מען וואלט אייך געשטערט אין דעם, וואלט איהר מיט א געוויסען רעכט געקענט שרייבען צו אונז. דאן, נאטירליך, וואלטען מיר [illegible] א רעכט זיך צו [illegible]

בעאמטע און אנפרעגען ביי זיי וועגען דער. אבער אין אייער בריף איז קיין כמו ניטא פון אזא האנדלונג פון אייער זייט. מיר ראטען אייך עס אייך זאגען גאנץ קלאר. אזא האנדלונג פאר יעדער ניט קיין ריכטיגע פון דעם יוניאן־סטאנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט פון באאמטע צו אייער יוניאן. אגב איהר וועט זעהן מיר אייך זאגען, אז עס טוט אונז לייד, וואס מיר האבען פארעפענטליכט ביז יעצט אייערע בריף, ווייל מיר האבען שפעטער אויסגעפונען פון ברודער פינקאווסקי, זיינען גע־ווען באשולדיגונגען געווען גאנץ אומבאגרינ־דעט. נאך אלעם: ניט אלעמאל איז עס גוט צו געבען א שאפ דעם שלעכטען נאמען פון א בלעכער־שאפ, ווען מען איז ניט גאנץ זיכער אין דעם. ווען מען ווייס ניט אלע אומשטענדען. פונקט ווי עס איז ניט ריכטיג צו רופען אן איינצעלנע מענשען מיט'ן נאמען גנב. פריהער מען איז זיכער, אזוי טאר מען עס ניט טאן מיט א גאנצער גרופע מענשען. ערקלערט איהר א שאפ פאר א בלעכער־שאפ, האט איהר שוין זיין רעפוטאציע געהרג'עט. און דער שאפ וועט נאר מיט פיהל אנשטרענגונגען פון דער יוניאן קענען און ממש'ער יוניאן־שאפ פארהערט. אייך איהר זיך ניט מיט אייער באשולדיגונג־שרייבער באראמונג, האט מען פארהעלטעניסמעסיג רייכט גוטמאכען אין דעם שאפ דאס, וואס איז ניט אזוי שטארק אין איינקלאנג מיט די באדינגונגען, וועלכע די יוניאן פאדערט.

ב. רוש. — אייער בריף איז ווירקליך א טרויעריגער „סאבסטיטוט" פאר דעם פערזענליכען שמועס. און עס טוט אונז מעהר לייד, ווי אייך, וואס מיר האבען ניט דעם מזל צו זיין אין אפיס גראדע ווען איהר קומט. אבער ווארום ניט לאזען אונז וויסען וועגען אייער קומען דורך א טעלעפאן־קאל, אדער דורך א פאסט־קארד? דאן וואלט ניט געווען דער געגענזייטי־גער „דיסאפוינטמענט". וואס אמבאלאנגט די ביידע מאנוסקריפטען, האבען מיר זיי נאך ניט געלייענט. אזוי שנעל ווי מיר וועלען קומען צוריק פון אונזער „וואקיישאן" וועלען מיר עס זיכער טאן. און וועלען אייך לאזען וויסען אונזער מיינונג. אבער, לויט אייער בריף, שיינט די אידעע צו זיין זעהר א גוטע. כאטש אזעלכע זאכען רעכנען זעהר פיל אפ פון די איינצעלהייטען. אט, למשל, וועגען דעם שידוך פון דעם [illegible]טען בחור. אייך וועגען די מיידלאך ווי זעען ניט א יוד טאן. און דער מיידעל, וועלכע האט זיך יע דערבארעמט אויף איהם, שטעלט זיך די פראגע, ווארום פון אלע מיידלאך איז זי געווען אן אויסנאם? איז עס, ווייל זי האט דערקענט דעם אינערליכען ווערט פון בחור, אדער ווייל זי האט געהאט אנדערע מאטיווען? און דען, ווי איהר זעהט עס אליין איינגעבען, ווענדט זיך זעהר פיל און דעם ריכטיגען ענטפער אויף דער פראגע וועט אונז מסתמא געבען די ער־צעהלונג זעלבסט. אין א פאר וואכען שפעטער וועלען מיר צוריק זיין ביי אונזער דעסק, און עס וועט אונז זעהר פרעהען צו זעהן אייך פער־זענליך.

ז. גרינפעלד. — געוויס איז דאס ביכעל פון טשעסטערטאן „דער מאן וואס איז געווען טהורזדעי" א גרויסע שטיק ליצנות. אבער פונדעסטוועגען איינגאנצען מבטל איהם זיין קאן מען ניט. און עס וואלט געווען גוט פאר די גאנץ פאר־פרומטע אנארכיסטען איהם איבערצולייענען. זיי וואלטען, ערשטענס, געזעהען, דאס דער מענש־ליכער שכל, אויב ער איז נאר שארף גענוג, קאן זעהן די פארשיידענע זייטען פון א גע־וויסער פראגע, און, צווייטענס, וואלטען זיי מאקע געלערנט דעם היינטיגען לעסאן, אז וואס איינער איז מעהר ראדיקאל, איבערהויפט אין זיינע פראזען, דאס מעהר באדעכטיגונג איז דא צו פרעגען זיך, אויב ער קריגט ניט זיין געהאלט, אלס פאליס־דעטעקטיוו? טשערנאפאלס איז דער גאנצער בוך א שפאס פון א שרייבער, וועלכער האט מיט רעכט דעם שם פון צו זיין איינער פון די שארפזיניגסטע פון אונזער צייט.

די טרייד־יוניאן עדיוקיישאנאל ליג

(שלוס פון זייט 9)

שטעהען, מוזט איהר ענטפערען קלאר. ווי, למשל, ווען די אינטערנעשאנאל זאל פארלאנגען פון דעם דזשאינט באארד פון שיקאגא צו ארגאניזירען אן עדיוקיישאנאל קאמיטע אין איינקלאנג מיט דער קאנסטיטושאן פון דער אינטערנע־שאנאל און אין איינקלאנג מיט די בא־שליסע פון דער לעצטער קאנווענשאן, און א קאמיטע ווערט באשטימט פון דעם דזשאינט באארד און ארבייט אויס א פראגראם פון ערציהונגס־טעטיגקייט. וועט איהר אזוי שנעל, ווי אזא קאמיטע וועט באשטימט ווערען, זיך צוריקציהען פון דער ליג?

דייווידסאן: אויב די ער־ציהונגס־ארבייט, וואס די יוניאן וועט אויפנעהמען, וועט מיך צופרידען שטע־לען, און וועט אגיטירען פאר מיינע אידעען, דאס הייסט, פאר די אידעען פון דער ליג, דאן וועל איך זיך צוריק־ציהען פון דער ליג.

פערלשטיין: דאס הייסט, איהר וועט ווארטען, און סיידען די קא־מיטע וועט טאן, וואס איהר גלויבט, עס דארף געטאן ווערען, וועט איהר ביז דאן זיך ניט צוריקציהען.

דייווידסאן: אודאי.

סעקשאן אכט, ארטיקעל דריי פון דער קאנסטיטושאן פון אונזער אינטער־נעשאנאל לייענט זיך ווי פאלגט:

„קיין מעמבערס פון דער א. ל. ג. וו. י. קען ניט זיין קיין מעמבער פון מעהר, ווי פון איין לאקאל יוניאן צו איין און דער זעלבער צייט, אדער פון אירגענד וועלכער אנדערער ארגאניזיי־שאן פון טרייד".

עס איז באוויזען געווארען דורך די ערקלעהרונגען פון די אנגעקלאגטע זעלבסט, דאס די ליג איז אן ארגאניזא־ציע, וואס באשטעהט פון מעמבערס פון דער יוניאן פון דער לידיס גארמענט אינדוסטריע, דאס זי פארנעהמט זיך מיט די זעלבע פראגען, וואס ווערען פארהאנדעלט אין דער יוניאן, דאס זי איז אן אפאזישאן־יוניאן, ארגאניזירט אין דער יוניאן, און דערפאר איז עס קלאר, אז די אנגעקלאגטע קענען ניט זיין קיין מעמבערס אין ביידע ארגאני־זאציעס; זיי מוזען אדער צוריקציהען זיך פון דער ליג און בלייבען מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל, אדער, אויב זיי ענטזאגען זיך אזוי צו טאן, קענען זיי ניט מעהר זיין קיין מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

צום שלוס וויל איך זאגען, דאס אהיין די געזעצליכע און מאראלע זייט פון דער דאזיגער סיטואציע, בין איך איבערצייגט פון די ערקלעהרונגען פון די אנגעקלאגטע, דאס מיר טארען ניט לאזען ווייטער אזוי געהן, ווי ביז איצט. די ליג איז געווארען א געפאהר פאר אונזער ארגאניזאציע, וועלכע איז גע־בוים געווארען אויף די ליידען און אפ־פער, אויף די בלוט און טרעהרען פון אונזער מעמבערשיפ און זייערע פאמי־ליעס. איך בעט מיר ווילען, אז אונזער יוני־אן זאל עקזיסטירען און ערפילען די פליכטען, פאר וועלכע זי איז געבוירען, מוז זי זיך באפרייען פון דעם גיפט, וואס עסט אויס איהר הארץ.

ס. פערלשטיין.

פ. ס. וואס אנבאטרעפט די צוויי אנגעקלאגטע האט די אונטערזוכונג ארויסגעבראכט פאלגענדע פאקטען:

1. בעת דייווידסאן איז געווען דער סעקרעטאר פון דזשאינט באארד, איז ער ביינגעווען ביי פילע קאקוס־מיטינגען. דיזע האבען אויסגעפיהרט די טאקטי־קען, וואס דער דזשאינט באארד האט געזאלט טאן.

2. עס איז באוויזען געווארען, דאס פאר דער לעצטער עלעקשאן פון ביזנעס־אייזשענטס האט דייווידסאן אנטייל גענומען אין א קאקוס־מיטינג, אויף וועלכען עס איז באשלאסען געווארען דער צעטעל פון די ביזנעס־אייזשענטס, וואס דארפען אויסערוועהלט ווערען.

3. עס איז באוויזען געווארען, דאס עס זיינען אפגעהאלטען געווארען קא־קוס־מיטינגען נאך דער עלעקשאן, און דאס א געוויסער ביזנעס אייזשענט, וועלכער איז אויסערוועהלט געווארען, איז גערופען געווארען פון דייווידסאן צום קאקוס־מיטינג, און דארט האט דייי־ווידסאן געפאדערט פון איהם, ער זאל ברענגען זיין רעפארט צו דעם קאקוס־מיטינג. מעהר נאך, ער האט קריטי־קירט און פארגעווארפען דעם ביזנעס־אייזשענט, ווארום ער האט עס אליין ניט געטאן, ביז דער קאקוס האט גע־מוזט איהם דערמאנען אן זיין פליכט.

4. די קאקוס־מיטינגען זיינען גע־ווען געהיים און אויך זיינען געהאלטען געווארען אין געהיים די נעמען פון די, וואס זיינען געקומען צו די קאקוס־מי־טינגען.

און אזוי איז באוויזען געווארען, דאס דייווידסאן, וועהרענד ער איז געווען סעקרעטאר פון דער דזשאינט באארד, האט מיסברויכט זיין אמט פאר זיינע אייגענע צוועקען, האט מיסברויכט דעם צוטרוי, וואס די יוניאן האט איהם גע־שענקט, און האט געהאנדעלט אויף א שטייגער, וואס איז זעהר אונפאסענד פאר א באאמטען פון אירגענד וועלכער ארגאניזאציע, און דארום בין איך אי־בערצייגט, דאס דייווידסאן טאר ניט מעהר האלטען קיין אמט אין אירגענד וועלכען לאקאל אדער דזשאינט באארד פון דער א. ל. ג. וו. י.

מ. פ.

ווייסט איהר,

אז א קאמיטע, וואס רעפרעזענטירט מאנכע פון די מינאריטעטס־נאציאנאליטעטען אין ווארשוי, האט זיך ארגאניזירט מיט דעם צוועק אויפצובויען א באזונדערען אוניווערזיטעט אין יאהרן? מען האט בדעה, אז די שפראכען, אין וועלכע מען זאל לערנען מיט די סטודענטען, זאלען זיין פויליש, אידיש און דייטש, און דער אוניווערזיטעט זאל דינען אלס דער פלאץ, אין וועלכען עס וועלען זיך קענען לערנען די, וועלכע מען לאזט ניט אריין אין די העכערע פוילישע בילדונגס־שולען. ווייסט איהר, אז ווען איהר [illegible] קריגט איהר פיר מאל אזוי פיל [illegible], ווי ווען איהר [illegible]?

דער פאנאגראף

וואס איז א פאנאגראף? — ווי אזוי רעפּראדוצירט ער קלאנגען? — ווי אזוי ווערען רעקארדס געמאכט? — ווי אזוי דארף מען זיך באנעהן מיט א פאנאגראף?

א פאפולערע ערקלערונג פון ל. באראדולין

2.

איידער מיר געהען ווייטער מוזען מיר דא אין קורצען ווידערהאלען דאס, וואס איז ערקלערט געווארען אין דעם פאריגען ארטיקעל.

יעדע זאך, וואס ציטערט אדער וויברירט, וואס ווארפט זיך הין און צוריק פון עטליכע צעהנדליג ביז עטליכע טויזענט מאל א סעקונדע, שאפט א מוזיקאלישען טאן, אדער קלאנג, אדער גערויש. יעדער מוזיקאלישער אינסטרומענט און יעדע זאך באזונדער האט זיך זיינע אייגענע אונטערטענער, ד. ה., ער וויברירט אויף זיין אייגענעם שטייגער, און דעריבער דערקענט מען דעם אונטערשייד צווישען דעם טאן פון א פידעל, פון א פיאנא, פון א קארנעט אדער אנדער אינסטרומענט, אפילו ווען דער טאן איז דער זעלבער. ווען מען זאל קענען מאכען א שטעקען, אדער אנדער הארטע זאך צו ציטערען אדער וויברירען פונקט אזויפיל מאל א סעקונדע און פונקט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי א סטרונע פון א פידעל, וועלען מיר הערען פונקט דעם זעלבען טאן און ניט פיהלען קיין אונטערשייד צווישען דעם שטעקען און דער סטרונע פון א פידעל.

די אויפגאבע פון א פאנאגראף איז צו מאכען א הארטע זאך צו ציטערען פונקט אזוי פיל מאל אין א סעקונדע און פונקט אויף דעם זעלבען אפן, ווי די מוזיקאלישע אינסטרומענטען, און דורך דעם דערגרייכען א פאלשטענדיגע נאכמאכונג פון די אריגינעלע טענער, קלאנגען און מוזיק, ווי זיי קומען ארויס פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען אדער פון מענשליכע שטימען.

איצטער לאמיר זעהן ווי אזוי דאס ווערט דורכגעפיהרט.

דער וויכטיגסטער טייל פון א פאנאגראף איז זיין „רעפראדוסער" אדער „ספיקער". דאס איז יענער טייל, אין וועלכען מען שטעלט אריין די נאדעל. דער „ספיקער" באשטעהט פון א רונדע מעטאלענע פריים, אין וועלכער עס איז ארייננעזעצט א דין, דורכזיכטיג ווענטעל. דאס איז די דיאפראגמע („דייאפרעם" אין ענגליש). אמאל פלעגט מען די דיאפראגמע מאכען פון זעהר דינעם גלאז, און איצטער מאכט מען עס פון אזא דורכזיכטיגען מינעראל, וואס רופט זיך „מאיקא". פונקט אין צענטער פון דער דיאפראגמע איז ארויפגעזעצט א נאדעל. די נאדעל זיצט ניט דירעקט אויף דער דיאפראגמע, נאר פריהער קומען אנקערלאך און שרייפעלאך; אבער וועגען דעם דארף מען קיין סך ניט רעדען, ווייל יעדעראיינער קען האבען די געלעגענהייט צו באטראכטען א פאנאגראף און זעהן ווי אזוי דער „ספיקער" איז ארראנזשירט.

אין די היינטיגע פאנאגראפען קומען די טענער ארויס פון דעם קאסטען אונטער דעם מאטאר; אבער אמאל, אין די ערשטע פאנאגראפען, איז דער „ספיקער" געווען פאראייניגט מיט א מעטאלענעם אדער הילצערנעם הארן, פון וועלכען די טענער פלעגען ארויסקומען. אין יענע מאשינעס, וואס שטעהען אין די לאבאראטאריעס, וואו די רעקארדס ווערען ארייננעזונגען, געברויכט מען הארנס נאך איצטער, ווייל אזוי איז פאר זיי בעסער. און אגב איז דער „ספיקער" אין יענע מאשינעס, וואו די רעקארדס ווערען ארייננעזונגען, אויך אביסעל אנדערש פון די ספיקערס אין די פאנאגראפען ביי אונז אין די הייזער. די אריגינעלע רעקארדס, אויף וועלכע די מוזיק ווערט ארייננעזונגען, זיינען אויך אזעלכע רונדע, ווי די, וואס מיר קויפען אין די סטארס, נאר עטוואס דיקער, און געמאכט פון א גאנץ ווייכען וואקס־מאטעריאל. פארשטעהט זיך, אז זיי זיינען גלאטע; קיין קאנאלען, ווי אויף די פארטיגע רעקארדס, איז אויף זיי ניטא.

ווען מען דארף אנזינגען אדער אנשפילען א רעקארד, לעגט מען ארויף דעם אריגינעלען ווייכען רעקארד אויפ'ן טיישעל פון מאשין; דער מאטאר מיט'ן טיישעל הויבען זיך אן דרעהען, און דער רעקארד דרעהט זיך אויך. דאן לאזט מען אראפ דעם „ספיקער" אזוי, אז די נאדעל זאל זיך שטעלען אויפ'ן רעקארד. דער רעקארד דרעהט זיך, און די נאדעל קראצט אין איהם אוים א זעהר דינגע און ניט קיין טיפען קאנאל. יעדעראיינער קען זיך עס לייכט פארשטעלען אהן איבעריגע אנשטרענגונגען. זיין דער זעלבער צייט שטעלט זיך אוועק א מאן מיט א פידעל לעבען דעם הארן און הויבט אן שפילען. אבער לאמיר זאגען, אז ער שפילט ניט, נאר ער נעהמט אויס'ן פידעל איין־איינציגען טאן, דעם טאן וואס באקומט זיך ווען די סטרונע ציטערט, מיר וועלען זאגען, 354 מאל א סעקונדע. די סטרונע ציטערט, אדער וויברירט, און פארשפרייט פון זיך וויברירענדע כוואליעס פון לופט. א טייל פון די וויברירענדע כוואליעס פון לופט קומען אריין אין א נוערע אויערען, און מיר הערען דעם טאן פון דעם פידעל; און א טייל פון די וויברירענדע כוואליעס פון לופט געהען אריין אין דעם הארן און מאכען דאס דורכזיכטיג דין ווענטעל, די דיאפראגמע פון דעם ספיקער צו ציטערען, צו וויברירען פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי די סטרונע פון פידעל: פונקט אזוי פיל מאל א סעקונדע און פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי די סטרונע.

לאמיר דא דערמאנען אן ערשיינונג, וואס יעדער פון אייך האט עס זיכער באמערקט. א מאן שטעהט אין איין צימער, און אין צווייטען צימער שטעהט אויך א מאן. צווישען ביידע צימערען איז א גלייכע, טויבע וואנט פון ציגעל. פונדעסטוועגען ווען דער צווייטער מאן אין צווייטען צימער וועט רעדען גענוג הויך, וועט דער ערשטער מאן אין ערשטען צימער הערען זיינע רייד, איבערהויפט ווען ער וועט צולייגען די אויערען צום וואנט. געוויינליך מיינט מען, אז די שטימע געהט דורך דער וואנט. אבער דאס איז א טעות. די שטימע געהט ניט דורך דורך דער וואנט, נאר בשעת דער מאן רעדט פארשפרייטען זיך די וויברירענדע כוואליעס לופט פון זיין מויל און מאכען צו ציטערען אלצדינג ארום אים: דעם סופיט, די וואנט, די פענסטער, דעם טיש און אלץ, וואס ארום אים. איינינע פון די זאכען ציטערען שוואכער, און אנדערע זאכען — איבערהויפט די וואנט און די שויבען אין די פענסטער — ציטערען שטארקער. אזוי ווי די וואנט וועט ציטערען פונקט אזוי פיל מאל אין א סעקונדע און פונקט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די שטימע וואס קומט ארויס פון מויל, דעריבער וועט די וואנט ווידערהאלען אדער קאפירען די שטימע, וואס קומט ארויס פון דעם רעדנערס מויל; מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, וועט די וואנט קאפירען די ווערטער, וואס דער צווייטער מאן אין צווייטען צימער וועט רעדען, און דער ערשטער מאן אין ערשטען צימער וועט די ווערטער הערען ניט פון דעם רעדנער'ס מויל, נאר פון דער וואנט, וועלכע ווידערהאלט די ווערטער.

איצטער וועלען מיר זיך צוריק אומקערען צום מאן מיט'ן פידעל. שטעהט דער מאן פאר'ן הארן פון פאנאגראף און שאפט אויף זיין פידעל איין איינציגען אבער לאנגען טאן; דעם טאן, וועלכער באקומט זיך, ווי מיר האבען געזאגט, ווען די סטרונע וויברירט 354 מאל אין א סעקונדע. פון דעם פידעל פארשפרייטען זיך לופט־כוואליעס, אדער לופט־וויבראציעס און מאכען צו ציטערען די נערווען אין אונזערע אויערען (דעריבער הערען מיר דעם קלאנג), די ווענט פון צימער און די אלע איבעריגע זאכען. א טייל פון די וויברירענדע לופט־כוואליעס געהען אריין אין דער ברייטער עפענונג פון דעם הארן און מאכען צו וויברירען די דיאפראגמע, דאס דורכזיכטיג ווענטעל פון

דעם „ספיקער" צו וועלכער עס איז
געשרויפט די שארפע נאדעל. די ד...
פראגמע ציטערט און וויברירט פו...
אזוי פיל מאל א סעקונדע און פו...
אויף דעם זעלבען אופן, ווי די סט...
פון פידעל און מאכט די נאדעל אויך
ציטערען פונקט אזוי פיל מאל און א...
דעם זעלבען אופן. וואלט די נאדע...
ווען רוהיג, וואלט זי אין דעם ווייכען ...
קארד אויסגעקריצט א גלאטען קא...
אבער די נאדעל איז ניט רוהיג; זי ...
רירט אין פולען אנקלאנג מיט'ן טאן ...
פידעל, און דעריבער וועט דער קא...
וואס זי קריצט אויס אויפ'ן רעקארד, ...
ניט קיין גלייכער, נאר וועט באשט...
פון בערגלאך און גריבלאך, בערגלאך ...
גריבלאך. ווען מען ניט א קוק אויף ...
פארטיגען רעקארד מיט די נאקעטע ...
גען, זעהט מען ניט די דאזיגע בערג...
און גריבלאך; ווען מען באטראכט א...
די קאנאלען אויף א רעקארד דורך א ...
ראסקאפ, וואס פארגרעסערט זאכען א ...
40 מאל, זעהט מען זיי גאנץ דייטליך.

נו, און וואס ווייטער? דער ...
האט אפגעשפילט, אוועקגעלייגט דעם ...
דער אן א זייט און די מאשין האט ...
אפגעשטעלט. דערנאך ציהט מען ...
מאשין ווידער אן, דער מאטאר הויבט ...
דער אן צו דרעהען דאס טישעל מי...
רעקארד און די נאדעל שטעלט מען ...
אין אנפאנג פון דעם לאנגען קאנאל, ו...
די זעלבע נאדעל האט פריהער אויס...
קריצט. איצטער געהט די נאדעל אי...
א פארטיג אויסגעטראכטען וועג, אי...
א פארטיג אויסגעקריצטען קאנאל. ...
קאנאל איז אבער ניט קיין גלייכער, ...
באשטעהט פון בערגלאך און גריבעל...
דעריבער וועט די נאדעל האלטען ...
אין אונטערטאנצען, ד. ה. זי וועט ...
טערען אדער וויברירען, און וויברי...
וועט זי פונקט אזוי פיל מאל א סעקו...
און פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי ...
סטרונע האט פריהער וויברירט, ווייל ...
נאדעל וועט דאך אונטערטאנצען א...
אונטער־שפרינגען איבער קאנאלען, ו...
זיינען באשאפען געווארען פון די זע...
וויבראציעס. די נאדעל איז דאך א...
דורך שרייפלאך און אן אנקער פא...
ניגט מיט דער דורכזיכטיגער דיאפר...
מע, דעריבער וועט די דיאפראגמע א...
וויברירען פונקט אזוי פיל מאל און פו...
אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי די סטר...
האט פריהער וויברירט, און דעריבער ווע...
זי, די דיאפראגמע, דאס דורכזיכט...
ווענטעל פון דעם ספיקער, קאפי...
אדער נאכמאכען דעם טאן, וואס ...
סטרונע פון פידעל האט פריהער געש...
פען. און דאן וועלען מיר דערהערען ...
פאלשטענדיגע קאפיע אדער נאכמאכ...
פון דעם טאן פון דעם פידעל.

און דאס איז דער פאנאגראף. פ...
הער שאפט מען טענער און קלאנג...
וועלכע מאכען צו ציטערען זיין דיא...
ראגמע און נאדעל, וועלכע קריצט א...
אין ווייכען רעקארד די קאנאלען מ...
זייערע בערגלאך און גריבעלאך; ...

ווען אַ מענש איז מזל'דיג

(פעליעטאן)

פון ז. וזהילער.

אויב איהר באגעגענט איצט איינעם וואס האלט פארריסען די נאז אין דער הויך, בלאזט פון זיך און איז אנגעדרודעלט ווי אן אינדיק, ניט איהם אפ שלום־עליכם. ער איז פון באסטאן, מאסאטשוזעטס — ער איז איצט א גרויסער יחסן: אמעריקע ליגט ביי איהם אין די הענט...

ווער איז איצט פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען? קאלווין קולידזש פון מאסאטשוזעטס. ווער איז קריגס־מיניסטער? סעקרעטערי וויקס פון מאסאטשוזעטס. ווער פיהרט דעם סענאט? סענאטאר לאדזש פון מאסאטשוזעטס. ווער איז „ספיקער" פון קאנגרעס? קאנגרעסמאן דזשילעט פון מאסאטשוזעטס.

אזוי עולה לגדולה ווערען מיט אמאל האט זיך אפילו ניט גע'חלומ'ט דעם סטייט מאסאטשוזעטס. שוין א קימא לן פון א סך, א סך, יאהרען אז מאסאטשוזעטס האט ניט געשפילט קיין שום ראלע אין די הויכע פאליטישע פענסטער, און איצט האט זי אלץ אין איהרע הענט.

— ווי קומט עס? — וועט איהר פרעגען.

איז דערויף דא צו ענטפערען איין ווארט נאר:

— מזל. אז דאס מזל טוט א שפיל דארף מען קיין חכמות ניט...

ווארום, צי גלויבט איהר יא, צי גלויבט איהר ניט, איהר קאנט עס מיט קיין שום טעאריע ניט דערקלערען, ווי אזוי קאלווין קולידזש איז פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען...

זיין איינציג שטיקעל פארדינסט, דער געבראכענער פאלים סטרייק פון באסטאן, צוליב וואס ער איז געווארען א נאציאנאלער „העלד" — ווייס גאט, און ער, דעם אמת, אז עס איז גאר געווען דאס „פארדינסט" פון דעם דאמאלסדיגען ציאנערען און ביוראקראטישען פאליס קאמישיאנער — אבער אזוי ווי קולידזש איז זעהר א מזל'דיגער, געפינט זיך שוין דער פאלים קאמישיאנער איצט אויף דער אמת'ער וועלט און עס איז שוין קיין נפקא מיניה ניט פאר איהם ווער עס פראפיטירט פון זיין „לאא און ארדער"...

נאך א מעלה האט קאלווין קולידזש: ער איז א שווייגער; ער רעדט ניט און אז ער רעדט ניט, מאכט ער ניט קיינע פארשפרעכונגען — האט מען דערנאך קיין טענות ניט צו איהם...

אט איז ער איצט פרעזידענט, און וואס ער וועט טאן און וואס ער וועט ניט טאן, איז דאס קיינעם'ס עסק ניט. ער האט קיינעם גאר ניט פארשפראכען און קיינעם גאר ניט צוגעזאגט. דאס מזל האט איהם אפילו דא אויך צוגעשפילט: ווערען פרעזידענט מיט פרייע הענט; אהן פארפליכטונגען...

דערפאר האט ער אבער נאך א מעלה, וואס דאס איז אפשר דער סוד פון זיין גרויסקייט און פון זיין מזל, און דאס איז, וואס ער לאזט זיך דינען. ער האט ליעב זיך צוהערען וואס מען זאגט איהם און פאלגט, משמעות, אוים וואס מען הייסט איהם... א חוץ זיינע אפיציעלע נביאים, וואס זיינען מיטגעפאהרען מיט איהם קיין וואשינגטאן איבערנעהמען די פרעזידענטשאפט, איז אויך מיטגעפאהרען וויליאם מ. באטלער, א רייכער מאנופעקטשורער פון באסטאן, פאר א בעל יועץ, מיט וועמען ער זיך אן עצה האלטען...

היינט האט ער נאך א גוטען פריינט, קלארענס וו. באררען, דער ארויסגעבער פון א צעהנדליג פינאנס און בירזשע צייטונגען. דער דאזיגער באררען רעכענט זיך פאר דעם נביא פון דער גרוים קאפיטאליסטישער און פינאנץ וועלט. איז אט דעם מר. באררען'ען האבען מיר צו פארדאנקען דעם נס, וואס פרעזידענט הארדינג פלעגט איינלאדען דעם ווייס־פרעזידענט צו די קאבינעט־זיצונגען און אזוי ארום איהם געגעבען א געלעגענהייט צו לערנען די מלאכה פון זיין א פרעזידענט...

ווען דער זעלבער מר. באררען איז ניט לאנג צוריק געקומען פון א רייזע איבער אייראפא, האט ער, אין עטליכע אינטערוויאוס, געהאלטען אין איין באטאנען, אז די צוויי גרעסטע עקאנאמישע מחות פון דער וועלט זיינען — קולידזש און מוסאליני...

אויב מר. באררען וועט ניט אומבוימען דעם איצטיגען סעקר., מעלאן אלס פינאנץ־מיניסטער, וועט ער מסתמא זיין פון די א ו נ א פ י צ י ע ל ע עצה־געבער...

און נאך א דריטען פריינט פון פרעזידענט קולידזש איז כדאי דא צו דערמאנען, און דאס איז מר. דוויט מאררא, א מעמבער פון מארגאנ'ס פירמע — אויך אן עצה־געבער פון דעם פרעזידענט...

עס איז, ווי מ'זאגט: דערצעהל מיר ווער דיינע חברים זיינען און איך וועל וויסען ווער דו ביזט...

איז ווי עס זעהט אוים, וועט אונזער איצטיגער פרעזידענט, וועמען מען לויבט אזוי פאר זיין איינפאכקייט און באשיידענהייט, דערפאר וואס ער צאהלט ניט מעהר ווי 32 דאלאר א מאנאט דירה־געלט און שיקט זיין פערצעהן יאהריגען איינגעל ארבייטען פאר א דאלאר א טאג — וועט ער פונדעסטוועגען זיין ארומגערינגעלט מיט גאנץ שעהנע און בכבוד'יגע בעלי בתים — און עס איז ניטא קיין געפאר אז דאס ווהייט־הויז זאל ווערען פארפלייצט מיט קבצנים און שנארערס...

און דאך קאן נאך זעהר מעגליך זיין, אז קאלווין קולידזש זאל זיין א היסטארי־

שע פיגור. אז מיט איהם זאל זיך אנה...
בען א נייע עפאכע אין דער געשיכטע ...
עס איז מעגליך אז קאלווין קולידזש ...
זיין דער ע ר ש ט ע ר פרעזידענ...
וואס וועט ניט קאקעטירען מיט ליבער...
ליזם און ארבייטער־פריינדשאפט — ...
וועט רעדען ריינע דיבורים, וואס ...
קלאס וועט איהם הייסען...

און דאס קאן זיין מעהר טובה פו...
דעם אמעריקאנער פראלעטאריאט ווי ...
דאזען סאציאליסטישע פארטייען...
ערשטע צייט וועט עס אפילו זיין אביס...
פריקרע: אונזערע געוועזענע־ליבעראלע א...
ביימער־פיהרער וועלען לויפען, שריי...
און טענה'ן: —מר. קולידזש! סטייט...
היתכן, קאנסטיטוציע...

וועט מר. קולידזש זיי ענטפערען: —...
רבותי, שרייט ניט. ערשטענס, האט מי...
טאטע מיך געמאכט פאר פרעזידענט, נ...
איהר און מכח קאנסטיטוציע ווייס א...
ניט פון עפעס צו זאגען. איך בין פ...
„לאא און ארדער", ניט פאר קאנסט...
טוציע...

דערהערענדיג אזעלכע ווערט...
וועלען די הויכע און ברייטע פר...
זידענטען, פון די אינטערנעשאנאלס ...
פעדערייישאנס, זיך אביסעל אויסשטו...
און ארונטערווארפענדיג די רעקלאך, ו...
לען זיי פארקאטשען די ארבעל און ...
נעהמען עפעס צו טאן, דאס וואס על ...
דין און על פי יושר זיי האבען געדארפט ...
שוין לאנג טאן: דערצעהלען די ארב...
טער זייערע, וואס זיי האבען צו טאן...

און דאן, אז עס וועט קומען דא...
וואס עס דארף סוף כל סוף קומען — ...
וועט מען זיך דערמאנען, אז עס איז ...
ווען קאלווין קולידזש, דער ערשטער ארי...
געהאלטענער פרעזידענט, וואס הא...
ארויסגעוואקסען דעם אמעריקאנער ארב...
טער־קלאס צו זעלבסט־באוואוסטזיין א...
איהם אנגעוויזען זיין אייגענעם וועג — ...
און מען וועט זאגען: — וואס פאר א פ...
רינער מענש דער קולידזש איז! אבער...
די נייע ארדנונג הויבט זיך אויך אן מי...
איהם...

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט לייענען דיזען לעטער מיט ספעציעלע אויגען, ווארים מיר ווילען פארהיטען אייער געזונט.

איהר זאלט וויסען, דאס די ווייער־ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בי־לעוויע וואס מיר האבען ביז יעצט גע־מאכט פאר די שעפער, זיינען געמאכט געווארען אזוי, דאס ווען די משינען וועצען אריין די ווייער באגיסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפט צו מיט א לייוונט, אום די ווייער זאל ניט ארויס־קריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאכט פון א ברענענדע שטאף וואס באזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פרעסט דאס מיט וואסער און מיט הייסען אייזען, נעהמט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואס דאס קען זיין שעדליך.

וואנער פילע ארבייטער פון אונזער שאפ האבען זיך באקלאגט אויף א הארץ־שוואכקייט. אן אונטערזוכונג פון א דאק־טאר האט געצייגט, דאס די שטארקייט פון דעם צעמענט שאדט דאס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאס אן „קאנסאמפשאן־ברעטלאך".

מיר האבען די לעצטע צייט גענומען צוקלאפען די ווייער־ברעטלאך אויף פראסטע שטיקער האלץ. נאר יעדע האלץ האט אין זיך א געוויסע צאהל פעך, און ווען איהר צעווארימט די צעמענט פון דער ווייער־ברעטעל און די האלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאר אייער גע־זונט! מיר האבען געצאהלט שווערע געלט צו מעכאניקער זיי זאלען געפינען א מיטעל צו מאכען א ווייער־ברעטעל אהן צעמענט און אהן האלץ, אבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצוארבייטען.

אבער יעצט קענען מיר אייך אנזאגען א גרויסע שמחה, דאס מיר האבען יעצט באקומען א נייעם פעטענט אויף א וויי־ער־ברעטעל, וואס קיין צעמענט און קיין האלץ ווערט ניט געברויכט דערצו — מיר האבען ערפונדען אזא סארט לייד־ווענט, וואס איז געמאכט פון קופער, און מיר האבען איינגעפיקסט מאשינען, וואס טשעפען־צו די ווייער ברעטעל צו די קו־פער־לייווענט און עס קומט ארויס גוט און ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער־ברעטלאך זיינען ווייך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז וועגט נאר 2 פונט אנ־שטאט וואס די שטיקער האלץ וועגען 16 פונט. איהר וועט באוואונדערען די צו־פרידענהייט פון אונזער נייעם פעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט. און דערצו איז דאס אזוי שטארק, דאס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אלטען סטייל. מיר געבען אייך א עצה — ווארפט אראפ פון אייער אר־בייטס־טיש די שווערע הילצערנע ברע־טער. ווארפט אויך אראפ די שמוציגע, פארפעכטע לייוונט, וועלכע עס עקעלט אין האנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האלץ! נידער מיט די נעפעכטע לייוונט!"

אויב מען דארף ביי אייך אין שאפ א ווייער־ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פלאש אדער בילוויע, קויפט אונזער ניי־עם פעטענט די קופערנע לייוונט.

מיר לאדען איין אלע פרעסער און דע־זיינערס, ווי אויך אייערע באסעס, זיי זאלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונ־דערבארען פעטענט ווייער־ברעטעל, וועל־כער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פרעסער און געזונט אין פאקעט אייער באס, ווייל עס קאסט ניט טייערער פון די אלטע שמאטעס.

עס איז אנערקענט געווארען אין די גרעסטע שעפער פון ניו יארק פאר די בעסטע ברעטלאך, וואס איז ווען געווען.

צו באקומען ביי די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 2220.

ביטע פריינדליך, גיט דיזען לעטער צו אייער באס. אדוו.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען מעדיסאן און פארק עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קען אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלו־נגען, חתונות און אז וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

דעזיינער פון לײדיס וועיר אינדוסטריעס,

אויפגעפאסט!

דעם שבת, דעם 18טען אויגוסט

רופט לאקאל 45

א ספעציעלען מיטינג

פון האלב נאך איינס נאכמיטאג, אין דעם

אק רום, מארטיניק האטעל, בראדוויי און 32טע סט.

זעהר וויכטיגע אנגעלעגענהייטען וועלען באשפראכען ווערען, און דער עקזעקוטיוו באארד האט זעהר וויכטיגע פלענער פארצולייגען. דער מענעדזשער וועט אפגעבען א רעפארט, פון אלעס, וואס ער האט אויפגעטאן פאר דער צייט, וואס ער איז געווען אין אפיס. אויך האט דער עקזעקוטיוו באארד אויסגע־ארבייט פארערונגען, וועלכע וועלען פארגעלייגט ווערען פאר די מעמבערשיפ צו באשטימען.

דער מיטינג וועט אויך אדרעסירט ווערען פון איינינע באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל.

ל. בראדפיעלד, מענעדזשער לאק. 45, א. ל. ג. וו. י.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט־בירגער שטעלט זיך געווענליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער. נאטירליך, עס פאדערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפירט, ווי אזוי די געזעצען פון סטייט און שטאדט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.

פאר דיזען צוועק האט די נעטשוראליזיישאן אייד ליג ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם בי־כעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען". אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס. די נעטשו־ראליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפראך און ניט א פלאטשענדיגען באנריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע נעהמען ארויסנעהמען סיטיזען פעפירען. די פראגען זיינען איבערגע־געבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט געגוט די ענגלישע שפראך.

דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטארען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטעררזכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציאן.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

קריגט איהר די „גערעכטיגקייט" יעדע וואך?

קריגען אייערע בעקאנטע די צייטונג יעדע וואך?

אויב ניט, ווארום ניט?

פרובירט דאס אויסגעפינען פון אייער לאקאל סעקרעטער, אדער שרייבט דירעקט צו דעם

Publication Dept. I. L. G. W. U.

3 West 16th Street, New York City

אינשורענס

פאר

קלאוקמאכער

לעבענס פארזיכערונג
20 יאהר ענדאומענט
20 יאהר פיימענט

כאול מעטץ

איצט מיט דער

ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע

110 איסט 23טע סטריט
טעלעפאן: גראמערסי 4224.

הויז אדרעס: 2008 דיילי עווע.,
בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.



אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —

אין דר. בעקער'ס אפטיקעל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין משענסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בע־קער'ס ברילען זיינען אן אמת'ע הילף פארן אויג: זיי פארשטארקען די זעה־קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.

אלע ארבייטען ווערען געמאן אונ־טער דר. בעקער'ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פאר־זיכטיגקייט.

מאנהעטען:

213 איסט בראדוויי — 2313 זיבעטע עוו.
131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)
111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאקס עוועניו

בראנקס:

895 פראספעקט עוו. — 262 איסט פארדאם ראוד

ברוקלין:

1709 פיטקין עוועניו.

Dr. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST — OPTICIAN

ווייסט איהר,

אז דיוק און דעוואנשייר, ריידענדיג אין דער הויז פון לארדס, האט געגעבען א גאנץ בא־שטימטען ענטפער צו די קריטיקער פון ענג־לאנד'ס פאליסי אין פאלעסטינע? ער האט ער־קלערט, אז די רעגירונג איז פעסט ענטשלאסען צו געבען יעדע הילף צום הייקאמישיאנער פון פאלעסטינע, לויט די אינסטרוקציעס אין דעם מאנדאט, ווייל דער מאנדאט איז אן אינטער־נאציאנאלע פארפליכטונג, און די באלפור־דעקלאראציע איז דער באזיס אויף וועלכען זי איז אנגענומען געווארען פון די עלאיס. ווייסט איהר, אז העלמאר טערקישע סיגארעטען ענט־האלטען דעם מילדעסטען און בעסטען טאבאק פאר סיגארעטס?

... און פייער אינ־שורענס

מיט סארא פינקעלשטיין

אפעלירט צו די קלאוקמאכער דאס אייב זיי דארפען אירגענד וועלכע אינשורענס זאלען זיי זיך ווענדען אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

SARAH FINKELSTEIN
261 Grant St., New York

די לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל און זייערע אדרעסען

1. ליידיס' ענד מיסעס' אפריימארס, 100 וועסט 21טע סטריט
2. פילאדעלפיער קלאוקמייקערס, 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא, פא.
3. ליידיס טיילארס און פעמפעל־מייקערס — 130 איסט 25טע סט.
4. קלאוקמייקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
5. קלאוקמייקערס יוניאן — 328 וועסט וואן ביורען
6. עמבראידערי ווארקערס — 394 א. 150טע סט., ניו יארק.
7. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 919 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאס.
8. ליידיעס גארמענט ווארקערס — 411 פילען בלדג., סאן פראנציסקא, קאל.
9. קלאוק און סוט טיילארס — 128 סעקאנד עוו., ניו יארק.
10. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס 231 איסט 14טע סט., ניו יארק.
11. קלאוקמייקערס יוניאן -- 219 סעקאן סט., ברוקלין.
12. פרעסערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאסס.
13. קלאוקמייקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.
14. קלאוקמייקערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קענעדע.
15. וויסטמייקערס יוניאן — 88 נ. 11טע סט., פילאדעלפיא, פא.
16. קאטערס יוניאן — פראווירנאל בילדינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עוו., סט. לואיז, מא.
17. ריפערמייערס יוניאן — 144 סעקאנד עוו., ניו יארק.
18. קלאוק און סוט פרעסערס — 328 וו. וואן ביורען.
19. קלאוק קאטערס יוניאן — 1466 קלארק סט., מאנטרעאל, קענ.
20. וואטערפרוף גארמענט ווארקערס. 22 וו. 17טע סט., ניו יארק.
21. ליידיס טיילארס — 108 מאנטגאמערי סט., נווארק, נ. דזש.
22. דרעס מייקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק.
23. סקוירטמייקערס יוניאן — 231 א. 14טע סט., ניו יארק.
24. סקוירטמייקערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאס.
25. וויסטמייקערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
26. קלאוקמייקערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
27. סקוירטמייקערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
28. ליידיס טיילארס יונאן — 2713 דזשעקסאן סט., סיאטעל, וואש.
29. קלאוק פינישערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
30. קאטערס יוניאן — 811 ארד פעלאוס בילדינג, סינסינעטי, א.
33. קארסעט ווארקערס יוניאן — 409 ווארנער בילדינג, ברידזשפארט, קאנ.
34. קארסעט קאטערס יוניאן — 237 קעפיטאל עוו., ברידזשפארט, קאנ.
35. פרעסערס יוניאן — 228 סעקאנד עוועניו, ניו יארק.
36. ליידיס טיילארס ענד דרעס מייקערס — 191 מאונסענר סט., ראקסבורי, מאסס.
37. פרעסערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
39-40. קארסעט קאטערס יוניאן — 285 גרינוויטש עוו., ניו העיווען, קאנ.
41. קימאנא ווארקערס יוניאן — 22 וו. 17טע סט., נ. י.
42. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 1024 וואלנאט עוועניו, קליוולאנד, א.
45. יוניטעד דעזיינערס און ליידיס וועיר — 11 וו. 28טע סט.
46. פעטיקאוט ווארקערס יוניאן — 105 וועסט 25טע סט., ניו יארק.
48. איטאליען קלאוקמייקערס — 231 א. 14טע סט., נ. י.
49. וויסטמייקערס יוניאן — 919 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
50. טשילדרען'ס דרעסמייקערס יוניאן, 22 וו. 17טע סט., נ. י.
52. ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן — 188½ ס. ספרינג סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
53. קאטערס יוניאן — 232 נארטה 9טע סט., פילאדעלפיא, פא.
54. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 1819 דיוויזשאן סטריט, שיקאגא, איל.
56. קלאוקמייקערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאסס.
58. וויסט און באטאנהאול מייקערס, 106 פארסייטה סטריט, נ. י.
59. קלאוק און דרעס פינישערס יוניאן 328 וועסט וואן ביורען.
60. דרעס און וויסט פרעסערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
61. קלאוק און סוט פרעסערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.
62. ווהייט גודס ווארקערס יוניאן — 117 סעקאנד עוו., נ. י.
63. קלאוקמייקערס יוניאן — 811 ארד פעלאוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
64. באטאנהאל מייקערס יוניאן — 67 וו. 21טע סט., נ. י.
66. באנאז עמבראידערערס יוניאן — 7 איסט 15טע סטריט, ניו יארק.
67. קלאוקמייקערס יוניאן — 2139 12טע סט., טאלידא, א.
68. גארמענט ווארקערס יוניאן — 26 בליים סט., הארטפארד, קאנ.
69. קלאוק פינישערס יוניאן — 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא.
70. סקוירט און דרעסמייקערס יוניאן, 208 ספארינא עוו., טאראנטא, קענ.
71. קלאוק פרעסערס יוניאן — 232 נ. 9טע סטריט, פילאדעלפיע.
72. דרעס און ווהייט גודס ווארקערס. 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר.
73. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאסס.
75. קלאוקמייקערס יוניאן — 10 קלעי־טאן סט., וואוסטער, מאסס.
76. קאסטאם דרעסמייקערס יוניאן — 726 ס. 8טע סט., פילאדעלפיא.
78. קלאוק אפרייטארס יוניאן — פראווירנאל בילדינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עוו., סט. לואיס, מא.
79. ליידיס טיילארס יוניאן — 128 העמילטאן עוו., גרינוויטש, קאנ.
81. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 328 וועסט וואן ביורען.
82. עקזאמינערס און בושלערס יוניאן, 231 א. 14טע סט., נ. י.
83. קאטערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קענ.
84. קאטערס יוניאן — 715 מאגינאלא סט., טאלידא, א.
86. ליידיס טיילארס יוניאן — 705 מעין סט., סט. דזשאן, נ. ב., קאנ.
89. איטאליען וויסט ענד דרעס מייקערס יוניאן — 8 וו. 21טע סטריט, ניו יארק.
90. פרייוועט דרעס מייקערס יוניאן — 725 לעקסינגטאן עוו., ניו יארק.
92. קלאוק פרעסערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קענ.
93. ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן— 114 בראדוויי, לאנג ברענטש, נ. י.
97. ליידיס טיילארס יוניאן — 529 וו. 3טע סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
98. סקוירט פרעסערס יוניאן — 811 ארד פעלאוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
100. וויסט און ווהייט גודס ווארקערס יוניאן — 328 וועסט וואן ביורען.
101. גארמענט טיילארס ווארקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
102. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 24 גולבאולט סט., מאנטרעאל, קענ.
103. ליידיס וויסט און דרעסמייקערס יוניאן — ליבער טעמפעל, 540 מייפעל עוו., לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. ליידיעס טיילארס יוניאן — 164 וו. וואשינגטאן סט., י. 306, שיקאגא, איל.
110. קאטערס יוניאן — 925 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
111. קליוולאנד ריינקאוט מייקערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
112. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט. א., מאנטרעאל, קענ.
113. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 723 א. 212טע סט., מאונט ווערנאן, נ. י.
115. וויסט, דרעסמייקערס און ווהייט גודס מייקערס — 843-45 בראד סט., ר. 48, נווארק, נ. דזש.
118. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 1117 קעין עוו., קלינטאן, אייאווא.
120. קאסטאם ליידיעס טיילארס יוניאן, 20 פארעסטער סט., ראטשעסטער, נ. י.
123. ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן — 74 נ. מעין סט., פעטערסאן נ. דזש.
124. ליידיס גארמענט פיטערס ענד אלטערעישאן ווארקערס — 609 ארגווילא בולווארד, סאן פראנציסקא, קאל.
126. ליידיעס טיילארס יוניאן — 132 העמילטאן סט., גרינוויטש, קאנ.
127. קלאוקמייקערס יוניאן — 48 סטילוואטער עווע., סטעמפארד, קאנ.
129. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קענ.
131. ריטייל ליידיעס גארמענט סיילעסליים יוניאן — 175 איסט בראדוויי, נ. י.
132. קלאוק באטאן ווארקערס יוניאן— 126 וו. 29טע סט., נ. י.

מיינער סטרייק אונפארמיידליך אויב באלעבאטים וועלען ניט נאכגעבען

די אזוי גערופענע „טשעק־אף סיסטעם", די סיסטעם, לויט וועלכער די יוניאן דויס ווערען אפגערעכענט פון די ווייזשעס פון אלע מיינערס פון די בעלי־הבתים און איבערגעגעבען צו דער יוניאן, די דאזיגע סיסטעם מוז פארבלייבען אזוי ווי זי איז, אז ניט איז א סטרייק אומפארמיידליך.

דאס זאל זיין דער סטייטמענט, וואס די פיה־ער פון די הארטע קוילען מאינערס האבען היינט געמאכט צו א קארעספאנדענט פון די „ניו יארק ווארלד". לויט דעם באריכט פון די „ווארלד", וועלען די יוניאן פארטרעטער קעמפען מיט אלע זייערע כחות פאר דעם פונקט אויף דער קאנפערענץ וואס וועט מארגען אפגעהאלטען ווערען מיט די פארטרעטער פון די קוילען בעלי הבתים.

די קאנפערענץ וועט אפגעהאלטען ווערען מארגען אין ניו יארק, און איהר אויפגאבע איז צו געפינען א פאסענדען וועג, ווי אזוי צו שליכטען דעם איצטיגען סכסוך ון די קוילען באראנען מיט זייערע ארבייטער.

ניו דזשוירזי קאר קאמפאני מוז אנהאלטען דעם פארקער.

דער סטרייק פון די סטריט קאר ארבייטער אין ניו דזשוירזי איז אין פולען גאנג. איבער 6 טויזענט ארבייטער זיינען אין סטרייק, און די קאר קאמפאנים האבען נעכטען געקראגען א באפעהל פון דער ניו דזשוירזי סטייט באארד און פאבליק יוטיליטיס אנצוגעהן מיט דעם סטריט קאר פארקעהר, ניט אכטענדיג וואס עס געהט אן א סטרייק, אדער ענדיגען דעם סטרייק.

קויפט איסשליסליך
סאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

דער
ארבייטער רינג
אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.
$2,500,000.00 — פארמאגט
83,000 — מיטגלידער
740 — ברענטשעס
דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.
דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.
דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.
מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.
אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!
נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:
THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

מיטגלידער פון די לאקאל-פרעסערס יוניאן, לאקאל 35!

(שלוס פון זייט 5).

1849 —דזש. ראזענטהאל, 359 אסבארן סט., ברוקלין.
9129 —מ. רודקאוויטץ, 1601 איסט ניו יארק עוו., ברוקלין.
7476 —מ. רומאנסקי, 336 האפקינסאן עוו., ברוקלין.
1843 —מ. ראססעל, 3506 מוירמייר עוו., ברוקלין.
3855 —סעמיועל ראדשערס, 65 ווארוויק סט., ברוקלין.
877 —ג. ראזען, 341 האפקינסאן עוו., ברוקלין.
12206—פ. ריכטער, 88 ווארען סט., ברוקלין.
2252 —ס. ראזענבערג, 1119 וואן נעסט עוו., בראנקס, נ. י.
4593 —ר. ראזענבעק, 810 איסט 178טע סט., נ. י.
2411 —מ. ראזין, 1639 מאנראו עוו., בראנקס, נ. י.
13119—הערי ראזענבאום, 595 איסט 14טע סט., נ. י.
9990 —מ. ראזענבערג, 380 איסט 3טע סט., נ. י.
9961 —א. ראטהשטיין, 635 איסט 9טע סט., נ. י.
4145 —דזש. רובינשטיין, 536 איסט 5טע סט., נ. י.
4038 —א. ראזענבערג, 284 איסט 3טע סט., נ. י.
9511 —ר. רובין, 11 קלינטאן סט., נ. י.
4833 —ס. ראזמאן, 287 מעדיסאן סט., ניו יארק סיטי.
17170—4796, דזשארדזש ראסס, 230 קלינטאן סט., נ. י.
17142—4759, איזי ראזעטט, 216 איסט האוסטאן סט., נ. י.
3922 —הערי ריידער, 79 לואיס סט., ניו יארק סיטי.
10146—3404, ל. ראזענקראנטץ, 131 נארפאלק סט., נ. י.
1839 —ב. ראזאפסקי, 265 מעדיסאן סט., נ. י. סיטי.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, ו.)

פון מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערען

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. V. No. 34. | New York, Friday, August 24, 1923 | פרייטאג, 24טען אויגוסט, 1923. | PRICE 3 CENTS

צו אלע אונזערע לאקאלס און דזשאינט באארדס

לויט דעם באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטער־נעשאנאל, אויף זיין לעצטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג, האבען פרעזידענט זיג־מאן און סעקרעטער בעראף ארויסגעשיקט לעצטע וואך פאלגענדען בריף צו אלע אונזערע לאקאלס און דזשאינט באארדס.

„דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז געמאכט געווארען אויפמערקזאם אויף די טעטיגקייט פון געוויסע ארגאניזירטע גרופען, וועלכע זיינען, לויט דער מיי־נונג פון דעם ג. ע. ב. אן ערנסטע געפאהר פאר דער יוניאן און פאר דעם וואויל־זיין פון אונזערע מעמבערס. די דאזיגע גרופען געהען אונטער די נעמען „שאפ־דעלעגאטען ליג", „עדיוקיישאנאל ליג" און אונטער אנדערע מאסקעס. אפט זיינען זיי פארבונדען מיט פארשוינען, וואס זיינען גאר ניט קיין יוניאן מעמבערס, וועלכע האבען נאר איין צוועק, ארויסצוצווינגען זייער אונפאראנטווארטליכען און געהיימען קאנטראל אויף אונזערע יוניאנס אין די אינטערעסען פון א באוועגונג, וועלכע איז גאנץ פרעמד צו אונזערע צילען, און וועלכע, אויב זי קען ניט קאנטראלירען די יוניאן, איז איהר ציל צו צוברעכען איהר.

„אזעלכע שעדליכע גרופען און ארגאניזאציעס אין דער יוניאן קענען ניט גע־דולדעט ווערען פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכער איז מחויב, לויט אונזער קאנסטיטוציע אויפצופאסען אויף אלע אנגעלעגענהייטען, וואס באריהרען דעם וואוילזיין פון אונזער אינטערנעשאנאל, האט באשלאסען איין מאל פאר אלע מאל, צו מאכען א סוף צו אזעלכע מינים טע־טיגקייטען.

„אונזער דזשאינט עקזעקוטיוו באארד אנערקענט דאס רעכט פון יעדען מעמבער צו קריטיקירען די פיהרונגען פון דער אדמיניסטראציע, סיי לאקאל און סיי נא־ציאנאל; יעדער מעמבער האט דאס פולסטע רעכט צו פארטיידיגען אירגענד וועל־כע פאליסיס אין דער יוניאן. אבער די צוויי גרונדשטיינער פון אונזער יוניאן, דעמאקראטיע און דיסציפלין, מוזען בלייבען אונבאריהרט.

„אונזער קאנסטיטוציע איז א העכסט־דעמאקראטישער אינסטרומענט. די רעגירונג איבער אונזער יוניאן איז אין די הענד פון דער גרויסער מעמבערשיפ. די מעמבערס זיינען פריי צו מאכען די געזעצען און די רולס, ווי זיי אליין ווילען, און צו פארטרויען די דורכפיהרונג פון זייערע געזעצע צו מענשען פון זייערע אייגענע רייהען, און לויט זייער אייגענעם אויסוואהל. אונזער דיסציפלין איז א פרייוויליגע, וואס מיר אליין לייגען ארויף אויף זיך, און איז נויטווענדיג פאר איר־גענד וועלכע טעטיגקייט, וואס זאל האבען א ווירקונג.

„די פערזאנען אדער גרופען, וועלכע מאכען א פארזוך צו באשטימען די פא־ליסיס פון אונזער ארגאניזאציע אין קאקוס־מיטינגען, אויסער דעם רעגעלען מיטינג פון דער יוניאן; און וועלכע זוכען ארויפצוצווינגען זייערע באשליסע אויף די מעמבערשיפ אין אלגעמיין; וועלכע אטאקירען און שמוצען די פארשטעהער פון דער ארגאניזאציע, און שטערען סיסטעמאטיש אלע טעטיגקייטען פון דער ארגא־ניזאציע, גראבען אונטער דעם סאמע פונדאמענט פון אונזער יוניאן, און זיי זיינען איהרע שונאים.

„די לאקאלע יוניאנס ווערען דארום אינסטרואירט צו באפעהלען אלע זייערע מעמבערס פון אזעלכע „ליגס", גלייך אויפצוגעבען אלע זייערע טעטיגקייטען אין זיי אין אירגענד וועלכער פארם. אלע מעמבערס פון לאקאל יוניאנס, וועלכע ווי־לען נאך בלייבען מעמבערס פון די ליגס און ביי אלע זייערע טעטיגקייטען, מוזען געבראכט ווערען צו א טריייעל אויף דער אנקלאגע פון אן אויפפיהרונג, וואס איז שעדליך פאר דער יוניאן, אויף דעם אופן, ווי עס איז פארגעשריבען פון אונזער קאנסטיטוציע.

„לאקאלס און דזשאינט באארדס וועלען געהאלטען ווערען שטרענג פאראנט־ווארטליך פאר די אויספיהרונג פון דיזען באשלוס, און זיי ווערען אויפגעפאדערט צו מעלדען וועגען זייער טעטיגקייט אין דער אנגעלעגענהייט צום דזשאינט עקזעקו־טיוו באארד אזוי שנעל, ווי מעגליך.

„ברידערליך אייער,

„מ. זיגמאן, פרעזידענט.
„אברהם בעראף, סעקרעטער."

יוניטי הויז אפען ביז איבער ראש השנה

אויף דעם פארלאנג פון אונזער עולם האבען מיר באשלאסען צו האלטען אפען די יוניטי הויז ביז זונטאג, דעם 16טען סעפטעמבער. די יעניגע, וועלכע ווילען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט און פארברינגען אין דער קאנטרי אין דער שענסטער צייט פון יאהר, מוזען זיך גלייך רעדזשיסטרירען אין אונזער אפיס אין ניו יארק.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 34.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. פון די לאקאלס אין באסטאן. א בעאבאכטער.
זייט 3. אין דער ריפערמאכער יוניאן לא־קאל 17 — ר. דזש. העלער.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. זאכען, וואס איז גוט צו וויסען.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — ה. לאנגער.
זייט 6. צוויי מיטינגען פון לאקאל 22.
זייט 7. דער דורכפאל פון זיג — דאן בוירן (אידיש פון נ. בלינדער.)
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. די קלאוק און דרעס אינדוסטריע — איהרע פראבלעמען און צוקונפט — בער־נארד אקערמאן.
זייט 10. פארווערטס אדער ריקווערטס — א. זעלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. שטורם אין דייטשלאנד — י. חאזא־נאוויטש. לידער — י. ארלער.
זייט 12. וואס די דזש. ב. אף סאניטארי קאנ־טראל טוט און דארף ניט טאן — מ. י. אשפיז. עלים איילאנד (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 13. קורצע שמועסען. שלוסען פון ערש־טער זייט.
זייט 14. וואס אמאל קען פאסירען אין א יוני־יאן — ל. הירמאן.
זייט 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. לעצטער בעריכט צום וויסט און רעסטמייקערס דזשאינט באארד — יוליוס האכמאן.

פילאדעלפיע, אויפגעפאסט!

האט אין זינען, אז די יוניטי הויז פון לאקאל 15, פילאדעלפיא, איז אפען בלויז ביז איבער לייבאר דעי. באנוצט זיך דארום מיט די איבערגעבליבענע עט־ליכע טעג פאר אייער אייגענעם אמת'ען פארגעניגען. נאך לייבאר דעי וועט אייער תרומה גאנץ וועניג העלפען.

די אינדזשאנקשאן מגפה אין שיקאגא שלאגט זיך אן אן אפהאלט

אויף דעם פארלאנג פון צעהן דרעס־מאנופעקטשורערס צו קריגען אינדזשאנק־שאנס געגען דער יוניאן, ענטפערט דער סטייט־קאורט לא מיט אן אלף.— שיקאגא קאכט מיט גאמפערס'עס רעדע געגען אינדזשאנקשאן.—גאווער־נאר סמאלל נעמט אויף א קאמיטע פון דער יוניאן. — זיבען יוניאן מעמבערס ווערען אויסגעשלאסען פון דער יוניאן, ווייל זיי ווילען דווקא בלייבען אין ט. י. ע. ל. — דער ארגאניזיישאן קאמפיין פון די דרעס־מאכער געהט אן מיט זיין גאנצען אימפעט.

אויף דעם סמך, דאס עס האט זיך איינגעגעבען דעם שיקאגא'ער דרעס־מא־נופעקטשורער, מר. מיטשעל, צו קריגען א פעדעראל אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן, האבען 10 אנדערע דרעס־מאנו־פעקטשורערס אין שיקאגא זיך מתקנא גע־ווען און זיך געווענדעט צום סטייט־קאורט פאר אן אינדזשאנקשאן אויף דעם זעלבען גרונד. אזוי ווי זיי האבען אר־גומענטס מיט זייערע ארבייטער, און אזוי ווי מ. פערעלשטיין, דער געפעהרליכער רשע פון דער אינטערנעשאנאל, וויל זיי איבעררײדען צום שמד, דאס הייסט, זיך אנשליסען אן דער יוניאן, על כן פארלאנ־גען זיי פונקט אזא אינדזשאנקשאן, ווי מר. מיטשעל האט עס געקראגען.

אבער אך, ניט אלע ווערען געבארען מיט דעם זעלבען מזל. די 10 מאנו־פעקטשורערס האבען ניט אויסגעפיהרט צו קריגען אן אינדזשאנקשאן. דער דזשאדזש פון סטייט קאורט איז אפנים ניט איינפארשטאנען מיט מר. קארפענ־טער, דעם פעדעראל דזשאדזש, וואס האט געטאן אזא געפעלינקייט מר. מיטשעל.

לויט דעם פסק־דין פון סטייט קאורט דזשאדזש קומט אויס, אז דער אינדיווי־דועלער אגרימענט, וואס דער באס האט געמאכט מיט די ארבייטער, קען ניט אוועקנעהמען דאס רעכט פון דער יוניאן צו ארגאניזירען און פארבעסערען די לא־גע פון די ארבייטער.

דאס איז א שטארקער אפהאלט, אויב ניט א טויט־קלאפ פאר די אינדזשאנקשאן מגפה. דא זעהט יעדער באשיינפערליך, אז די גאנצע אינדזשאנקשאן־ביזנעס איז

(שלוס אויף זייט 13.)

פרעזידענט זיגמאן אין שיקאגא

לעצטען מאנטאג האט פרעזידענט זיגמאן פארלאזען ניו יארק, אום אנוועזענד צו זיין ביי דעם געריכט־פארהער וועגען דער מיטשעל־אינדזשאנקשאן אין שי־קאגא. און געוויס וועט ער שוין אויך מיטפאהרען מיט דער קאמיטע צום גא־ווערנאר סמאל אין ספרינגפילד, עטוואס, וואס ער האט ניט געהאט אויף זיין פרא־גראם, ווען ער האט פארלאזען ניו יארק.

זיכער וועט ער זיך שוין באנוצען מיט דער געלעגענהייט און וועט אפהאלטען איינינע מיטינגען מיט די פארשידענע לאקאלס און אויך מיט דעם דזש. באארד, וואס מאכט איצט דורך א זעהר שווערען, אבער א זעהר נויטיגען און זעהר ניצלי־כען קאמף. דער הויפט־צוועק אבער פון זיגמאן'ס איצטיגען פאהרען נאך שיקא־גא איז צו זאגען אונזער מעמבערשיפ, אז ער איז אין דער פולסטער איינפאר־שטענדניס מיט וויס־פרעזידענט פערעל־שטיין אין אלץ, וואס ער טוט, אז פערעל־שטיין ערפילט נאר דעם וואונש פון דער

(שלוס אויף זייט 4)

קלאוקמאכער ארגאניזיישאן קאמפיין אין לאס אנדזשעלעס אין פולען גאנג

מיט דעם אנקומען פון וויס־פרעזי־דענט ס. לעפקאוויטש אין לאס אנדזשע־לעס, האט אלעס אזוי ווי אויפגעלעבט צווישען די דארטיגע קלאוקמאכער. פאר־שוואונדען איז דער פעסימיזם, וואס האט פאראליזירט די ענערגיע פון גאר פילע קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס אום צו שטעהן מיט זייער יוניאן און קעמפען פאר א בעסערען לעבען. פארגעסען זיי־נען אלע אמאליגע טענות און קריוודעס, און אלע זיינען באגייסטערט פון איין געדאנק, אז די קלאוקמאכער יוניאן מוז ווידער ווערען א מעכטיגע יוניאן; אז יע־דער קלאוקמאכער מוז זיין א יוניאן־מאן, און יעדער קלאוק־שאפ מוז זיין א יוניאן־שאפ.

גלייך, ווי ער איז געקומען קיין לאס אנ־דזשעלעס, האט וויס־פרעז. לעפקאוויטש צוערשט אפגעהאלטען איינינע מיטינגען מיט דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער יו־ניאן, אום אנצוטאפען, ווי מען זאגט, דעם דופק ביי די סאמע פיהרער פון דער יוניאן. באלד נאכדעם האט ער איינבא־רופען א מיטינג פון דעם לאקאל; און

(שלוס אויף זייט 15.)

באטהראב מייקערס אין א דזשענעראל סטרייק

דער באשלוס פון דער באט־ראב מיי־קערס יוניאן לאקאל 91, מיט דער הסכמה פון דער אינטערנעשאנאל, איז דעם מיט־וואך, דעם 21טען אויגוסט, דורכגעפיהרט געווארען. די באטאן־מייקערס זיינען ארויס אין סטרייק.

זיי סטרייקען פאר א גרעסערע שטי־קעל ברויט. זיי סטרייקען פאר א געזונ־טען שאפ, וואו זיי זאלען ניט קענען אזוי גיך פאלען קראנקע ביי זייערע מא־שינען; זיי סטרייקען פאר אן ארבייטס־וואך פון 44 שטונדען, וואס זאל זיי גע־בען א שאנס כאטש עטוואס צו געניסען פון לעבען. זיי סטרייקען פאר זייער יוניאן און זייער מענשליכקייט.

דער שלאג־ווארט פון דער יוניאן אין דעם איצטיגען קאמף איז: יעדער שאפ

(שלוס אויף זייט 6.)

באלטימארער קלאוקמאכער יוניאן פייערט איהר זיג דורך א באנקעט

א געוואונענער סטרייק, וואס זאל זיך ענדיגען אהן א שטיקעלע שמחה איז אן אומעגליכקייט. טאמער פאסירט עס דאך אמאל, איז עס ניט קיין גוטער סמן: אדער דער זיג טויג ניט, אדער עפעס איז דער מעהר מיט די זיגער. דערפאר איז עס גאנץ נאטירליך, אז דער באלטימארער זיגרייכער סטרייק זאל געפייערט ווערען פון דער יוניאן מיט א שעהנעם באנקעט. א חוץ אלעם האט דאך די סטרייק קאמיטע באשלאסען צו געבען פרעזענטען, אלס אנער־קענונג, צו ברודער האלפערן, דעם אנ־פיהרער פון דעם סטרייק, און צו זיין געטרייען און פעהיגען לייטענאנט, ברו־דער גאלדבערג, דעם מענעדזשער פון דער באלטימארער קלאוק מאכער יו־ניאן. טו ווי קען מען זיי געבען די ראזיגע פרעזענטען אהן א באנקעט, אהן א ביסעלע רעדען? דערפאר האט טאקע לעצטע וואך שטאטגעפונען דער באנקעט, צו וועלכען עס איז אויך איינ־געלאדען געווארען וויס־פרעזידענט האל־פערן, און, לויט זיין באריכט, האט ער און אלע איבעריגע זיך זעהר גוט גע־פיהלט אויף דעם באנקעט. א חוץ א גוטען סאפער און א חוץ די רעדען, אין וועלכע מען האט איהם געלויבט ביז'ן הימעל ארויף, אלס דעם פעהיגען גענע־ראל, האט ער נאך דערצו געקראגען א זעהר ווערטפולע האווארד וואטש. ברו־דער גאלדבערג האט געקראגען א פיינעם סילווער סעט. און איצט פיהלען אלע, אז אין באלטימאר איז אויפגעטאן גע־ווארען גאר א זעלטען־גוטע שטיקעל אר־בייט. די יוניאן, וואס האט געהאל־טען ביי דער גסיסה, איז איצט איינע פון אונזערע מעכטיגע יוניאנס. זי איז טאקע הונדערט פראצענט ארגאניזירט. די קלאוק שעפער אין באלטימאר, וועל־כע זיינען געוועזען מעהרסטענטיילס נאן־יוניאן־שעפער, זיינען איצט אלע יוניאן־שעפער. יע, די קלאוקמאכער אין באל־טימאר האבען מיט דעם פולסטען רעכט געמענט זיך לאזען וואוילגעהן אויף זייער זיגעס־באנקעט.

די קאנפערענצען צווישען דער יוניאן, דזשאבערס און סאב־מאנופעקטשורערס געהען נאך אן

(שלוס פון זייט 1.)

דזשאבערס און די יוניאן זאלען קע־נען פארהאנדלען אלע קלענערע סכסוכים.

נומער זעקס לויטעט, אז עס זאל איינגעפיהרט און באשטימט ווערען א סטענדארד פרייז פאר די ארבייט, אזוי אז עס זאל נעהמען א סוף צו דער האלז־שניידענדער קאנקורענץ צווישען די סאב מאנופעקטשורערס, און מיט וועלכער די דזשאבערס האבען זיך אזוי אפט באנוצט.

דאס זיינען די ארויסגעשטעלטע פא־דערונגען פון דער אינטערנעשאנאל און פון די סאב־מאנופעקטשורערס. ביז איצט האבען די דזשאבערס איינגעשטימט אויף די צווייטע און דריטע פאדערונ־גען. וואס אנבאטרעפט די אנדערע פא־דערונגען, זיינען זיי ניט אין גאנצען איינשטימיג מיט זיי. זיי ווילען צו זיי צוגעגעבען געוויסע „אמענדמענטס". איז אט ווענען דעם האנדעלט זיך עס איצט. ווענען דעם ווערט נאך קאנ־פערירט. פרעזידענט זיגמאן איז אבער גאנץ אפטימיסטיש. ער גלויבט אז עס וועט זיך „אויספרעסען" אין דעם משך פון די ווייטערע קאנפערענצען, און עס איז דארום ניטא די מינדסטע געפאהר, אז דער סטאפעדזש־פלאן זאל איצט אויסגעפיהרט ווערען.

צו דעם מוז נאך ערקלערט ווערען, אז די ראזיגע פאדערונגען ווערען נאר דערווייל געשטעלט. די פאדערונגען, וואס די יוניאן האט צו שטעלען צו די דזשאבערס כדי צו ברענגען ארדנונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, געהען פיל ווייטער. אבער די וועלען ערשט קומען, ווען דער אלטער אגרימענט צווישען די דזשאבערס און דער אינטערנעשאנאל וועט אויסגעהן, און ווען מען וועט צו־טרעטען צו דער אויפגאבע צו שליסען א נייעם אגרימענט. אט דאן ערשט וועט די אינטערנעשאנאל שטעלען א י ה ־ ר ע פאדערונגען.

וועסטמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא פארפליכ־טעט זיך צו העלפען אין דעם קאמף געגען פאשיזם אין אמעריקא

אויף דעם מיטינג פון לאקאל 15 איז ניט לאנג צוריק אויפגענומען געווארען די פראגע פון פאשיזם אין אמעריקא. די איטאליענישע מעמבערס פון דעם לא־קאל האבען ערקלערט, אז די פארט־געשריטענע ארבייטער אין אמעריקא טא־רען ניט בלייבען גלייכגילטיג צו דער פארשפרייטונג פון דער ראזיגער פעסט. מיט דעמזעלבען פערלאנג האט זיך אויך געווענדעט צו לאקאל 15 דער איטא־ליענישער טשעמבער אוו לייבאר פון ניו יארק, און נאך א גרינדליכער דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען פאלגענדע רע־זאלוציע:

„אזוי ווי די פאשיסטישע באוועגונג אין איטאליען אונטער דער פיהרערשאפט פון דיקטאטאר מוסאליני, טוט אלעס אויסצושפרייטען איהר איינפלוס אויך אין אמעריקא, אום צו פארניכטען אלעס, וואס אונזערע איטאליענישע ברידער ארבייטער האבען אויפגעבויט אין דעם משך פון פילע יאהרען פון קאמף און זעלבסטאפפערונג, און

„אזוי ווי די ראזיגע פאשיסטישע בא־וועגונג ווערט גוטגעהייסען פון אלע טשעמבערס אוו קאמערס, פון די ראטארי קלאבס און פון די מאנופעק־טשורערס אסאסיאיישאנס, וועלכע האל־טען אין איין קעמפען געגען די ארביי־טער באוועגונג, זיי עס

„באשלאסען, דאס די וועסט און דרעס מייקערס יוניאן אין פילאדעלפיא פארפליכטעט זיך צו געבען איהר מא־ראלישע און פינאנציעלע הילף צו דעם איטאליענישען טשעמבער אוו לייבאר אין ניו יארק אין זיין קאמף געגען די פאשיסטישע באוועגונג אין אמעריקא, און אזוי ארום העלפען אויפצוהאלטען די איינינקייט פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, פון וועלכער אונ־זערע איטאליענישע טרייד־יוניאניסטען זיינען א געטרייער און אונצורייסבארער טייל."

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן באשליסט צו צולאזען צו צוויי איטא־ליענישע דעלעגאטען פון די לאקאלס 9 און 35 און צוויי דעלעגאטען פון דעם רוסיש־פוילישען ברענטש.

• • •

די ליידיס וועיסט און דרעס פירמע לאק ענר קאמפאניע פון 344 בלעיק עוועניו, ביי וועמען די יוניאן האט אנגעפיהרט א ביטע־רען און לאנגען קאמף ווערט ענדליך גע־צוואונגען צו פארלאזען בראונזוויל און מיט דער גאנצער הילף וואס דיזע פירמע האט געהאט פון איהרע פריוואטע געננסטערס און שטאדטישע פאליס זיינען זיי דאך רואינירט געווארען און אין גאנצען ארויס פון ביזנעס.

• • •

זיבען און א האלב מיליאן דאלאר קאסט שוין דער קליוולאנדער סטרייק. די מאנו־פעקטשורערס קאסט די סטרייק א האל־בען מיליאן דאלאר א וואך. די סקעבס צו־לויפען זיך און קיין נייע קומען ניט צו. ניו יארקער שאפ טשערליים פאסען א רעזאלוציע ארייננצונעמען דעם סטרייק אין זייערע איי־גענע הענט און שטיצען מאראליש און פינאנ־ציעל שטיצע. פילאדעלפיער קלאוקמאכער טעקסען זיך מיט 5 פראצענט פון זייערע שכירות לטובת דעם סטרייק אין קליוולאנד. עהנליכע שטיצע קומט אויך פון טאראנטא, קאנעדע.

• • •

נאכדעם ווי די יוניאן האט אויפגעמאכט פון דער קלאוק פירמע ב. שווינער, 26 דאלאר פאר „ברודער" וואולף גראדנער פון 1880 וואשינגטאן עוועניו האט ער זיך געקויפט פאר דעם געלט א טיקעט און איז אוועקגע־פאהרען אין קליוולאנד — סקעבען...

פרעגט אייער שכן אין שאפ

צי ער ערהאלט די „גערעכטיגקייט" יעדע וואך, אויב ניט, זאגט איהם, וואס ער דארף טאן אום ער זאל דאס יא קריגען.

טהוט דאס צוליב זיך

ווייל ווען איינער לייענט ניט די „גערעכ־טיגקייט" ווייס ער נאטירליך ניט וואס עס טוט זיך אין זיין יוניאן און אין אלע אנדערע יוניאנס, און מיט אזא איינעם איז אויף אזוי פיל שווערער זיך צו פאר־שטעהן און מאנכעס מאל אונמעגליך אויסצוקומען.

אויב איינער קריגט ניט די „גערעכטיג־קייט", איז אלעס וואס עס דארף געטאן ווע־רען איז זיך ווענדען צו דעם סעקרעטער פון לאקאל, אדער שרייבט דירעקט צו

Publication Dep't, I. L. G. W. U.

3 WEST 16th STREET, NEW YORK, N. Y.

וואס א באס קען אמאל איינפאלען

אונזערע לעזער ווייסען שוין פון דעם סטרייק, וואס אונזער אינטערנעשאנאל פיהרט אן אין קעמדען, ניו דזשוירזי. דער סטרייק האלט שוין אן איינינע וואָ־כען. דער באס פון דעם געסטרייק־טען שאפ, א געוויסער מר. לעף, האט געגלויבט, אז ער קען אויסמאטערען די אינטערנעשאנאל, און די סטרייקער וועל־כע שטעהען אונטער איהר פולער שוץ. ער האט אבער א טעות געהאט אין חשבון. די סטרייקער זיינען נאך אלץ אין קאמף. און קיין ארבייט ווערט ניט געמאכט אין דער פעקטארי. אמת, דער באס האט געקראגען אביסעל סקעבס, אבער אומשטיינס געווענט, וואס און ווי־פיל ארבייט סקעבס קענען אויפטאן! אין דעם קלוגען באס פון קעמדען, מר. לעף, געקומען א געדאנק זיך צו ווענדען צום קאורט נאך אן אינדזשאנקשאן. אנ־דערע באסעס מאכען די ראזיגע קונצ־שטיק, ווארום זאל ער עס ניט?

האט ער טאקע דאס פרובירט. אבער גאר באלד האט ער זיך דערוואוסט, אז דער עולם אין קעמדען האלט דווקא שטארק מיט די סטרייקער. דער עולם אין קעמדען איז באקאנט מיט אלע פאק־טען פון דעם סטרייק. ער ווייס, ווי דער בעל דבר האט באהאנדעלט זיינע ארבייטער; ער ווייסט אויך, וואס פאר א ווידזשעס ער האט זיי געצאהלט, און ער איז נאטירליך, ניט אויף דער זייט פון דעם מאנופעקטשורער, נאר דווקא פון די סטרייקער. די צייטונגען אין קעמדען האבען אויך ניט צו זאגען קיין גוט ווארט פאר איהם, און, נאטיר־ליך, האט זיך ניט געפונען אין קעמדען קיין דזשאדזש, וואס זאל איהם טאן דעם חסד און איהם געבען אן אינדזשאנק־שאן געגען דער יוניאן.

עס איז אלזא, ביטער. וואס־זשע טוט מר. לעף? פאהרט ער אוועק אין אטלאנטיק סיטי, און דארט געפינט ער א ריכטער, וואס שטימט איין איהם צו געבען אן אינדזשאנקשאן, ווען ער וועט אויסהערען דעם צווייטען צד. דארף עס די טעג פארקומען דער פארהער פאר דעם דזשאדזש אין אטלאנטיק סיטי, וועלכער וועט פסק'ענען, צי ער זאל יע אדער ניט ארויסגעבען דעם איי־דזשאנקשאן געגען דער יוניאן.

אין דער צייט, ווען מיר שרייבען די צייל'ען, איז נאך דער רעזולטאט פון דעם פארהער אונז ניט באקאנט. על פי יושר, איז עס שווער צו גלויבען, אז דער דזשאדזש פון אטלאנטיק סיטי זאל בא־ווילינען אזא אינדזשאנקשאן. דער פאקט דאס דער באס האט ניט געקענט פועל'ען צו קריגען אן אינדזשאנקשאן פון א ריכטער אין קעמדען, דארף זיין דער שטארקסטער ארגומענט פאר א ריכטער אין אטלאנטיק סיטי ניט צו באווילינען דעם אינדזשאנקשאן. טאמער זאל דעם ריכטער ניט איינפאלען אזא פשוט'ער געדאנק, זיינען דא די לאיערס פון דער יוניאן, הילקוויט און סוען, וועלכע ווע־לען זיכער ניט פארפעהלען איהם צו דערמאנען אן דעם. נאר, אויב אפילו דער באס פון קעמדען זאל שוין פועל'ען צו קריגען דעם אינדזשאנקשאן, וועט ער אבער זיכער באלד אויסגעפינען, אז דאס וועט איהם גאר ניט העלפען, ביז ער וועט איינזעהן, אז די איינציגע זאך, וואס בלייבט איהם צו טאן, איז אויפ־צוגעבען זיין עקשנות און סעטלען מיט דער יוניאן.

די באטראב מייקערס פערטיג פאר דעם גע־נעראל סטרייק

(שלוס פון זייט 1.)

קיין דאפעלטע ארבייט־סיסטעם. אדער בלויז וואך־ארבייט, אדער בלויז שטיק ארבייט.

6. אלע ארבייטער, מיט דער אויס־נאהמע פון די קאטערס, מוזען האבען 3 ליגעל האלידעיס, פאר וועלכע זיי מו־זען קריגען באצאהלט.

7. קאטערס מוזען קריגען באצאהלט פאר זעקס און א האלב האלידעיס.

8. אווערטיים מוז באצאהלט ווע־רען דאפעלט, ווי די געוועהנליכע ראטע.

9. די מאנופעקטשורערס דארפען לאז־טען זייערע שעפער אין א סאניטארען צושטאנד.

דער מיטינג האט זיך אויסגעצייכ־נעט דורך דער באגייסטערונג פון די פארזאמעלטע, וועלכע זיינען אדרעסירט געווארען פון ברודער גרינבערג, מענע־דזשער פון לאקאל 91, פון ברודער דזשיאוואניטי און אנטאניני.

עס איז כדאי צו באמערקען אז די מערסטע באטראב ארבייטער זיינען איטאליענער.

אנדערהאלבען מיליאן רעוואלוציאנערען אין אמעריקא

די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן באר אסאסיאיישאן, וואס דארף פארקו־מען דעם 28טען אויגוסט, אין מינעאפא־ליס, האט היינט פארעפענטליכט א בא־ריכט פון איהרער א קאמיטע, אין וועל־כער עס ווערט געזאגט, אז אין אמעריקא זיינען פאראן אנדערהאלבען מיליאן „רוי־טע", וואס ווילען דא דורכפיהרען א רע־וואלוציע. פאראן אויך 400 רעוואלוציא־נערע צייטונגען, וואס ווערען געלייענט פון פינף מיליאן מענשען. אויב אמערי־קא וועט ניט אויפפאסען, סטראשעט דער באריכט, וועלען מיר דא באלד האבען א רעוואלוציע.

דער באריכט רעקאמענדירט, אז דער קאנגרעס זאל דורכפיהרען געזעצען, וואס זאלען אפשטעלען די רויטע געפאהר.